פערלאג „די שטראהלען“.

Hebr. Eg. 741

der štrahl

# דֶער שְׁטְרַאהל

צווייטעס זאַמעלבוך.

אִינְהַאלְט:

1) אונזערע נאָהענטע אויפגאַבען.—ד. ל.
2) צײַטליכעס און אייביגעס.—Bertoldi
3) קולטורטרעגערײַ און קולטור.—ש. ניגער.
4) די בונדישע קריטיק.—א. ב.
5) ביבליאָגראַפיע:
א) „Серпъ“, צווייטעס זאַמעלבוך.
ב) ש. גאָרעליק, „בריעף צו א פרײַנד“.

1908.

פרייז 8 ק. מיט פארטא 10 ק.

# ס׳איז פריהער ערשיענען:

## — „דער שטראהל׳ —

ערשטעס זאמעלבוך.

## אינהאלט:


1) פון דער טעאָריע צו דער פראַקטיק. ד. דאַווידאָוויטש.

2) ציטליכעס און אייביגעס. Bertoldi.

3) וועגען קריזיס. ש. נ.

4) שמועסען וועגען דער אידישער ליטעראַטור, ש. ניגער.

5) פרייִדעלע, משה זילבורג.

6) אין דער אידישער וועלט, מ. ליט.

7) אַ בריעף פון אַמעריקאַ, אַב. גאָלדבערג.


---

פרייז 8 ק. מיט פּאָרטאָ 10 ק.

פערלאג „די שטראהלען“.

# דער שטראהל

צווייטעס זאמעלבוך.

## אינהאלט:

1) אונזערע נאהענטע אויפגאבען.—ד. ל.
2) צייטליכעס און אייביגעס.—Bertoldi
3) קולטורטרעגערײַ און קולטור.—ש. ניגער.
4) די בונדישע קריטיק.—א. ב.
5) ביבליאגראפיע:
א) „Серпъ“, צווייטעס זאמעלבוך.
ב) ש. גארעליק, „בריעף צו א פריינד“.

1908.

Деръ Штралъ.

Сборникъ статей.

Набрано въ типографіи Клецкина, Завальная 33.

Печатано въ типографіи Пирожникова.

# אונזערע נאהענטע אויפגאבען.

וואס פיר אויפגאבען שטעהען פאר אונז?

אויב ס'איז ריכטיג, אז ארגאניזירענדיג די אידישע עמיגראציע, מאכען מיר דערמיט גופא דעם ערשטען טריט אויפ'ן וועג צום טעריטאריאליזם, שאפען מיר דאס, וואס ס'וועט אין אונזערע הענד קענען דיענען אלס מעכטיגעס וואפען פיר דער פערווירקליכונג פון די גרעסטע קאלאניזאציאנס-פלענער, — דאן זענען אונזערע אויפגאבען קלאהר. זיי זענען — דאס בעהערשען די גאנצע אידישע עמיגראציע. די אויפגאבע איז א געניג גראנדיעזע, מען מעג זיך אויף איהר גענויער אבשטעלען.

אין 1906 — 07 יאהר זענען אנגעקומען אין די פעראייניגטע שטאאטען 149,182 אידישע עמיגראנטען (פון רוסלאנד 114,932, פון עסטרייך-אונגארן 18,885 פון רומעניען 3,105, פון ענגלאנד 7,032) אזא צאהל איז אנגעקומען אין די פעראייניגטע שטאאטען אליין. ס'בלייבט נאך ארגענטינא, קאנאדא, אפריקא, ענגלאנד, פערשידענע אייראפעאישע שטעדט און נאך אנדערע פונקטען, וואוהין ס'געהט א בעדייטענדע אידישע עמיגראציע. ס'וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלען זאגען, אז בעהערשען די גאנצע אידישע עמיגראציע הייסט ארגאניזירען א 200 טויזענדיגען עמיגראנטען-שטראם.

מיר האבען שוין אנגעוויזען אויף די הינדערנים, וואס ליגען אויפ'ן וועג פון ארגאניזירען די עמיגראציע. דא האבען מיר די אגענטען, וואס וועלען דערזעהן אין דער ענטשטעהענדער ארגאניזאציע זייער געפערליכסטען שונא; דא זענען אויך די פילאנטראפישע חברות, וועלכע האלטען זיך פאר די איינציגע פערזארגער פון דעם כלל ישראל, דא זענען אויך די פערשידענע „נייטראלע" עמיגראציאנס-געזעלשאפטען, וועלכע ענטשטעהען און וועלען נאך ווי שוואמען וואקסען, דינענדיג אלס ערי מקלט פאר די אלע „ארבייטסלאזע" אנטיטעריטאריאליסטען. ס'וועט אויסקומען זיך צו רעכענען אויך מיט די איצטיגע פאליטישע בעדינגונגען, ביי וועלכע אפילו די כשר'סטע אין פאליטישען הינזיכט ארבייט, קוים וויקעלט זי זיך נאר ברייט פאנאנדער, שטעהט זי פאר דער סכנה פון פערבאטען ווערען. מיט איין ווארט, שונאים — אויסערע, אינערע, אלערליי... און ס'קען זיין, אז דער געפערליכסטער פיינד פון אונזער קינפטיגער ארבייט איז די אונוויסענהייט פון דער אידישער מאסע בכלל און פון דער עמיגראנטען-מאסע בעזונדערס, איהר אונצוטרוי צו יעדער נייער זאך, איהר צוגעבונדענהייט צו דעם אויסגעטראטענעם וועג. ס'איז זיך לייכט פארצושטעלען פיעל רכילות מען וועט טרייבען וועגען די נייע בורא'ס, וואס פיר מיטלען, ס'וועלען אויסגענוצט ווערען,

## דער שטראַהל.

כדי אויפֿצוהאַלטען דעם אידישען עמיגראַנט אויף דעם אַלטען וועג. אַ גאַנצע אַרמיי פֿערמיטלער וועט דאָ מלחמה האַלטען פֿאַר איהר קיום. און נאָר די פּאָפּוּ־ליאַריטעט, וועלכע ס׳האָט און וועט זיך נאָך ערוועֶרבען דאָס טעריטאָריאַליסטישע ציעל ביי דער אידישער בעפֿעלקערונג, די פֿעדים, וואָס פֿערבינדען אונז מיט דער לעצטער און ועל כולם די עקזיסטענץ פֿון צווישענלענדישע סאָצ.־טעריטאָ־ריאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלען אין דעם בעהערשען די אידישע עמיגראַציע און אימיגראַציע קענען שפּילען אַ גרויסע ראָליע, — דאָס אַלעס גיט אונז די זיכערהייט, אַז נעמענדיג אויף זיך די גרויסע אַרבייט, וועלען מיר זי דערפֿירען ביז׳ן סוף.

די זאַך, וועלכע ס׳בעשטראַהלט אַזאַ אידעע, ווי בעשאַפֿען אַ נייע אידישע געזעלשאַפֿט, קען האָפֿען, אַז זי וועט צו זיך צוציהען די נויטיגע כוחות, האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, דערפֿאַר, וואָס איהר דורכפֿיהרונג איז פֿערבונדען מיט אַ קלייניגער, לאַנגזאַמער, אָפֿט, קען זיין, ניט גענוג אינטערעסאַנטער אַרבייט. די אַרבייט אין עמיגראַציאָנס־ביוראָ, וואָס גיט אַרויס די פֿערשידענע ידיעות דעם עמיגראַנט, פֿערקויפֿט איהם די שיפֿס־קאַרטע, אָרדנעט איין פֿאַר׳ן עמיגראַנט קורסען פֿון אויסלענדישע שפּראַכען א. א. וו., און די אַרבייט פֿון די אינסטרוקטאָרען, וואָס אָרגאַניזירען די ביוראָ׳ס, ווי אויך די אַרבייט פֿון די, וואָס בעגלייטען די פּאַרטיען עמיגראַנטען אין וועג, און אַ גאַנצע רייהע אַנדערע אַרבייטען, וועלכע האָבען אַ זעלבשטענדיגע בעדייטונג, ווייל זיי מאַכען לייכטער די ליידען פֿון די ליידענדסטע, בעקומען אויף אַזאַ אופֿן, ביי דער ליכט פֿון די ניט האָט־ווייטע טעריטאָריאַליסטישע פּערספּעקטיווען, די בעדייטונג פֿון דער טעריטאָריאַליסטישער אַרבייט, דורך וועלכער מיר וועלען זיך הויבען צום אידישען פֿריילאַנד.

קיינער פֿון אונז וואָלט דאָך ניט זאָגען אויף דיזע אַרבייט, אַז זי איז אַ קליינליכע, ניט וויכטיגע, ווען שוין איצט וואָלט זי געפֿירט געוואָרען אין צו־זאַמענהאַנג מיט אַ קאָלאָניזאַציע. מען מוז דאָך אָבער פֿערשטעהן, אַז צוטרעטען צו דער לעצטער אָהן דער פֿריהער־געהענדער ברייטער טהעטיגקייט אויף דעם געביעט פֿון רעגולירען די עמיגראַציע איז כמעט אוממעגליך.

כל זמן מען האָט אונז ניט אַנערקענט פֿאַר די פֿערטרעטער פֿון די אינטערע־סען פֿון די וואַנדערענדע אידישע מאַסען; כל זמן דער אידישער עמיגראַנט, ווען ער בעשליסט נאָר זיך צו לאָזען אין וועג אַריין, וועט נאַטירליך זיך ניט ווענדען נאָר צו אונז; כל זמן אין אונזער רשות וועט זיך ניט געפֿינען דער טראַנספּאָרט, וואָס מוז אין פּראָצעס פֿון אָרגאַניזירען די עמיגראַציע אַליין פֿאָלקאָ־מער ווערען: כל זמן מיר וועלען ניט קענען אין יעדען געגעבענעם מאָמענט, ריכטען אין יעדעס אימיגראַציאָנס־לאַנד אַ טייל פֿונ׳ם עמיגראַציאָנס־שטראָם און אויסטיילען פֿון איהם דעם מאַטעריאַל, וואָס איז פּאַסענד פֿיר קאָלאָניזאַציע; — ביז דאַן דאַרפֿען מיר צו דער לעצטער, צו דער קאָלאָניזאַציע, הייסט עס, ניט צוטרעטען.

די שווערסטע זאַך פֿונ׳ם טעריטאָריאַליזם — די אידישע קאָלאָניזאַציע —

## דער שטראַהל.

שטעלט זיך מיר פֿאָר אַלס גאָר ניט קיין שווערע בײַ דער עקזיסטענץ פֿון אַנ'אָרגאַניזאַציע, וואָס שטיצט זיך אויף דער גאַנצער אידישער עמיגראַציע. צו־ערשט וועט די קאָלאָניזאַציע זײַן נאָר איין טייל פֿון דער אַרבײַט, מיט וועלכער דער עמיגראַציאָנס־אינסטיטוט וועט זיך בעשעפֿטיגען. דיזער טייל וועט אָבער אַלץ וואַקסען, ביז וואַנען ער וועט ווערען אַזוי גרויס, אַז ווי נאָך זײַן איכות'דיגער בעדײַטונג, אַזוי נאָך זײַן גרויס, נאָך דער צאָהל עמיגראַנטען, וואָס וועלען קאָלאָניזירט ווערען, וועט ער לאָזען הינטער זיך די אונמיטעלבאַרע רעגולירונגס־אַרבײַט אין דער עמיגראַציע.

פֿון דער אָרגאַניזירונג פֿון דער אידישער עמיגראַציע צו דער אָרגאַניזירונג פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע — דאָס איז דער נויטווענדיגער וועג פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם.

אָט אַזוי וועט האַלטען אין זײַנע הענד דעם גורל פֿונ'ם אידישען פֿאָלק דער, ווער ס'וועט אָנפֿיהרען מיט דער עמיגראַציע.

---

דאָס איז אַנ'אַרבײַט פֿאַר די, וועלכע ווילען שאַפֿען די צוקונפֿט פֿונ'ם אידישען פֿאָלק.

וואו איז אָבער דאָ אונזער אַרבײַט? וואו זענען דאָ אונזערע אויפֿגאַבען?

דאָס אָרגאַניזירען די אידישע עמיגראַציע — איז איצט די אויפֿגאַבע גלײַך פֿון די פּראָלעטאַרישע טעריטאָריאַליסטען, ווי פֿון די בורזשואַזע. אין וואָס זשע אונטערשיידען מיר זיך דאַן פֿון די לעצטע? אויב אין דער פּראַקטישער אַרבײַט, אין דער טעריטאָריאַליסטישער אַרבײַט איז ניט פֿאַרהאַן קיין אונטערשיעד, דאַן איז דאָך אינ'ם טעריטאָריאַליזם ניט פֿאַרהאַן קיין אָרט פֿאַר צוויי פּאַרטייען. ס'קענען זײַן אַרבײַטער־טעריטאָריאַליסטען, צי קען אָבער עקזיסטירען אַ טעריטאָריאַליסטישע אַרבײַטער פּאַרטיי? אפֿשר צוליעב די אינטערעסען פֿון דער זאַך גופֿא דאַרף מען זיך ניט אָבטיילען, נאָר בעסער בילדען איין אָרגאַניזאַציע; אפֿשר ענטהאַלט אין זיך דער עצם גופֿא פֿונ'ם טעריטאָריאַליסטישען פּראָבלעם די נויטיגקייט פֿון פֿערדונקלען די קלאַסען־אונטערשידען, — אפֿשר . . .

און דער פּראָלעטאַרישער טעריטאָריאַליסט, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס בעפֿרײַט פֿון דער „רעאַליזירונגס־פּראָבלעם“, שטעהט ווידער פֿאַר אַ נײַעס פּראָבלעם.

און בײַ די ערשטע טריט פֿון אונזער געמיינזאַמער אַרבײַט, ווען די שוויריגקייט און די גרויס פֿון דער אויפֿגאַבע וועלען פֿאָדערען די אַלגעמיינע אָנשטרענגונג פֿון די קרעפֿטען, ווען דער קאַמפּף מיט די הינדערניסע וועט בעשאַפֿען די געמיינזאַמקייט פֿון אינטערעסען, וועלכע האָט אַנ'אָרט בײַ פֿערשידענע קלאַסען אין

# דער שטראַהל.

זייער שטרייט מיט'ן אַלגעמיינעם שונא, וועט דאָס אָנגעוויזענע פּראָבלעם בעקומען אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע בעדייטונג אין אונזערע רייהען.

ווער אָבער איז דאָ מקריב זיינע אינטערעסען? צו דער אַרבייטער ענטזאַגט זיך לטובֿת דער נאַציע פֿון זיינע קלאַסען-אויפֿגאַבען, אָדער די אידישע בורזשואַזיע האָט אין טעריטאָריאַליזם גלייכֿע אינטערעסען מיט דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט?

אַנ'אַלטע פֿראַגע.

דאָס אָבער, וואָס זי איז איצט אַרויסגעשוואומען, איצט, בעת מיר שטעהען פֿאַר אַ פֿראַגע פֿון פּראַקטישען אַרט, — דאָס ווייזט, אַז די פֿראַגע איז אַ לעבעדיגע.

און דאָס איז טאַקי אַ פֿראַגע וועגען קינפֿטיגען כֿאַראַקטער פֿון דער עמיגראַציאָנס-אַרבייט, וועגען די מעטאָדען און פֿאָרמען פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, אַ פֿראַגע וועגען דער בעדייטונג פֿון דער אידישער אַרבייט. דאָס איז די פֿראַגע וועגען אונזער ראָליע אינ'ם טעריטאָריאַליזם, די פֿראַגע וועגען אונזער היסטאָרישער בעדייטונג פֿאַר דעם אידענטום, אַ פֿראַגע וועגען דער אידישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

און ווען מיר קוקען אין דיזע, קען זיין, גאָר ניט אַזוי ווייטע צוקונפֿט, ווען פֿאַר אונז וויקלען זיך פֿאַנאַנדער די פּערספּעקטיווען פֿון אונזער שאַפֿען שוין איצט, דאַן איז משונה'דיג די קשיא וועגען אונזער בעדייטונג פֿאַר'ן טעריטאָריאַליזם.

הייבט זיך נאָר אָן די טעריטאָריאַליסטישע פּראַקטיק, אַזוי ענטשטעהט פֿאַר אונז די שווערסטע אויפֿגאַבע — דאָס דורכֿפֿיהרען אין די נייע אַנשטאַלטען די אמת-דעמאָקראַטישע פּרינציפּען. ווען מיר נעמען אין בעטראַכֿט די מעגליכֿע גרויס פֿון דער עמיגראַציאָנס-אַרבייט, איהר געזעלשאַפֿטליכֿע בעדייטונג, איהרע פֿינאַנציעלע פּערספּעקטיווען, — ווערט קלאָהר די נויטיגקייט פֿונ'ם ברייטסטען געזעלשאַפֿטליכֿען קאָנטראָל איבער דער דאָזיגער אַרבייט.

רעדענדיג וועגען געזעלשאַפֿטליכֿע בעוועגונגען, געזעלשאַפֿטליכֿע טהוער, זענען מיר געוואָהנט זיך פֿאָרצושטעלען דעם ציוניזם, דעם טעריטאָריאַליזם... רעדענדיג וועגען די טהוערס אין דיזע בעוועגונגען, זיך פֿאָרשטעלען די זעלבסטלאָזע אידעאַלאָגען פֿון דיזע אידעען-שטרעמונגען אין דעם אידישען בירגערטום.

און כל זמן די בעוועגונג איז ניט אַרויס פֿון די ריינע אידעען-גרעניצען, ביז וואַנען זי האָט ניט געהאַלטען אין אַרויספֿטרעטען אויפֿ'ן וועג פֿון רעעלער אַרבייט, כל זמן זי האָט ניט געהאַט קיין אונמיטעלבאַר-רעעלער בעדייטונג, ניט אַרומגעכֿאַפּט קיין ברייטע שיכֿטען פֿון דער בעפֿעלקערונג, ביז דאַן האָט פֿאַר איהר ניט עקזיסטירט די סכנה — צוציהען צו זיך די עלעמענטען, וואָס האָבען אַ קנאַפּען שייכֿות צו אַ אידעע, וואָס האָבען אָבער אַ גרויסען ווילער צו בעלי-בית'עווען אין געזעלשאַפֿטליכֿע אַנשטאַלטען.

און וואָס בעדייטענדער ס'וועלען זיין די פֿינאַנציעלע פֿונקציעס אין אונזערע אַנשטאַלטען, דאָס שטאַרקער וועלען פֿאַר דער דעה איבער זיי, פֿאַר'ן

אָנפֿיהרען מיט זייערע קאַמפֿען פֿערשיעדענע געזעלשאַפֿטליכע און — וואָס ס'איז אין אמת'ן געפֿעהרליך — אַנטיגעזעלשאַפֿטליכע גרופּען.

מען דאַרף זיך נאָר דערמאָהנען אָן אונזערע כּלל־טהוער, וואָס מאַכען „גליקליך“ די אידישע בעפֿעלקערונג דורך די פֿערשיעדענע געזעלשאַפֿטליכע אַנשטאַלטען, די כּלל־טהוער, וואָס בעלי־בית'עווען אַליינהערשעריש, אָהן אַ שום קאָנטראָל, ווי אין דיזע אַנשטאַלטען אַזוי, פֿערשטעהט זיך, אויך איבער זייערע פֿינאַנסען, כּדי מען זאָל פֿערשטעהן, ווי מעגליך ס'איז, אַז דיזע בעלי־טובֿות זאָלען זיך ציהען צו אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, ווי ס'קען ווערען די עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציע.

אמת, דיזעס ציהען זיך וועט אויך אָנווייזען אויף די רעעלע בעדייטונג פֿון אונזער אַרבייט, די פּראַקטיק אָבער פֿונ'ם אידישען געזעלשאַפֿטליכען לעבען האָט גענוג בעוויזען, וואָס פֿאַר אַ וואונד אויפֿ'ן אידישען געזעלשאַפֿטליכען קערפּער כ'שטעלט מיט זיך פֿאַר דיזע אייגענאַרטיגע אָליגאַרכיע — דאָס קינד פֿון דער הערשאַפֿט פֿון די בעלי־בתּים אינ'ם אידישען כּלל־לעבען.

די לעצטע האָבען קלאָהר בעוויזען זייער געזעלשאַפֿטליכע ערצויגענקייט, זייער גרייטקייט צו רעכענען זיך מיט די אינטערעסען פֿון די מאַסען אין די פֿריהערדיגע וואַהל־קאַמפּאַניעס.

דאָס איז געוועזען אַנ'אַלגעמיין־רוסלענדישער ענין!

וואָס זשע וועט זיין אין אַריין־אידישען?

און אויף ווער, אויב ניט אויף אונז, ליגט דער חובֿ אַרויסצורופֿען פֿאָראויס די אידישע מאַסען, איבערגעבען די אָנפֿיהרונג מיט זייער זאַך טאַקי אין זייערע הענד? און ווער, אויב ניט מיר — דער אַוואַנגאַרד פֿון דער אידישער דעמאָקראַטיע — איז בכּח דורכצופֿיהרען דיזע אויפֿגאַבע — אויפֿוועקען די זעלבסט־טהעטיגקייט פֿון די אידישע מאַסען? דאָס לעצטע איז פֿאַר אונזער זאַך דאָס נויטיגער, ווייל די עמיגראַציאָנס־אַנשטאַלטען וועלען קענען בילדען דעם איינציגען צענטר, אַרום וועלכען ס'וועלען זיך קענען גרופּירען די פֿערשיעדענסטע שיכטען פֿונ'ם אידענטום. און דאָס וואָלט מעגליך און נויטיג מאַכען, אַז דיזע אַנשטאַלטען זאָלען קומען צו הילף די פֿערשידענע אַנדערע אידישע אינסטיטוטען, סיי די געזעלשאַפֿטליכע, אַזוי אויך די, וואָס געהערען צו דער געמיינדע.

און שוין ביי די ערשטע טריט פֿון אונזער טהעטיגקייט וועט אונז אויסקומען אָנצושטויסען זיך אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די „הערשענדע“ קלאַסען אין אַלע אונזערע פֿערזוכען צוצוגעבען דער זאַך אַנ'אמת'ן פֿאָלקס־כאַראַקטער. מיר רעדען שוין ניט וועגען דער מלחמה, פֿער'עקשנ'טער מלחמה, וועלכע אונז וועט אויסקומען צו פֿיהרען, ווען מיר וועלען צוטרעטען צו דער סאָציאַליסטישער לעזונג פֿון דעם טעריטאָריאַליסטישען פּראָבלעם. די מעגליכקייט פֿון אַזאַ לעזונג און דערביי אויך איהר שווערינקייט וועלען דאָס שטאַרקער וואַקסען, וואָס רעעלער ס'וועט ווערען די אידישע קאָלאָניזאַציע, וואָס ברייטער ס'וועט ווערען דער קרייז פֿון די אידישע אינטערעסען, וועלכע זי, די קאָלאָניזאַציע, וועט אַרומכאַפּען. און ווען דער

## דער שטראַהל.

סאָציאַליזם, דער סאָציאַליסטישער מעטאָד פֿון אײַנאָרדנען די אידישע צוקונפֿט װעלען געשטעלט װערען אויף די טאַגעסאָרדנונג פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם, װעט אונז אויסקומען זיך צו דערמאָהנען אָן אַלטען אמת, אַז פֿערשידענע שיכטען פֿונ'ם אידענטום האָבען אין טעריטאָריאַליזם פֿערשידענע אינטערעסען. און בעת, שטיצענדיג זיך אויף די אידישע אַרבײַטענדע מאַסען, װעלען מיר בויען אונזער צוקונפֿט אין הסכם מיט די האָפֿנונגען, מיט די בעגעהרען פֿונ'ם אידישען אַרבײַטער, — איז דען ניט קלאָהר, אַז מיר װעלען בעגעגענען אַ װידערשטאַנד מצד פֿון די קלאַסען אין אידענטום, װעלכע שטרעבען שוין אויך איצט צו פֿערבײַטען די „ניט זיכערע בעשעפֿטיגונג פֿון סחר אויף די רוהיגערע בעשעפֿטיגונג מיט ערדאַרבײַט אויף דעם אייגענעם שטיקעל ערד"?

און אַז ס'איז קלאָהר, אַז די פֿערשידענהײַט פֿון דער מאַטעריעלער לאַגע דאַרף מיט זיך ברענגען אַ פֿערשידענהײַט אין די מאַטעריעלע אינטערעסען און אַ פֿערשידענע אידעאָלאָגיע, — איז מעגליך דאָס מאָרגען װעט אונז — דעם אַװאַנגאַרד פֿון די אידישע מאַסען, די אויסדריקער פֿון זייערע דעמאָקראַטישע בעגעהרען — אויסקומען צו פֿערטיידיגען די דאָזיגע אינטערעסען פֿון די אָנפֿאַלען, װאָס װעלען אויף זיי געמאַכט װערען דורך די קלאַסען, װעלכע „זאָרגען" פֿאַר דיזע מאַסען.

שוין װעט עס ניט זײַן קיין קלאַסען־קאַמפּף, דאָס װעט אָבער זײַן אַ קאַמפּף פֿון די מאַסען פֿאַר די מאַכט דאָרט, װאו די לעצטע דאַרף זיי געהערען.

און מיר װעלען דאָ געהען פֿאָראויס. מיר װעלען דאָ שטעהען אין דער שפּיצע.

אויף דעם גאַנצען װעג פֿונ'ם אידישען שאַפֿען — פֿון עמיגראַציאָנס־בױראָ ביז דעם אידישען פּאַרלאַמענט — װעלען מיר אין אַװאַנגאַרד זײַן. בויענדיג, װעלען מיר קעמפּפֿען, און קעמפּפֿענדיג, װעלען מיר בויען. דערצו זענען נויטיג כחות, דיזע כחות רופֿען מיר.

איצט קענען מיר רופֿען. װײַל יעדער נײַער כח גיט די מעגליכקײַט פֿלינקער צו דרעהען די ראָד פֿון דער אידישער װאַנדערונג און, הייסט עס, פֿון דער אידישער געשיכטע.

גיכער זאָלען זיך יאָגען די מענשען־כװאַליעס, װעלכע װעלען אויף זייער רוקען אַרויסטראָגען די ישועה דעם אידישען פֿאָלק.

ד. ל.

# צײַטליכעס און אײביגעס.*

(סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע נאָטיצען).

IV

„דאָ איז ניט דער פּלאַץ צו רעזאַטירען וועגען דער אָרעמקײט און שמאָלקײט פֿון אידישען לעבען".

„דער מאָרגענשטערן", № 1.

מיט דער ליעבע צו דעם צײַטליכען, צו דעם קורצלעביגען פֿאַקט איז קורצלעביגען אינדיווידואום האָט זיך בײַם בונד אויסגעאַרבײַט אַ אָרגאַנישע מורא פֿאַר אידעען, אַ אינסטינקטיווער ווידערשטאַנד געגען אַלגעמײַנע געדאַנקען, וועלכע ציהען אַרונטער פֿון דער ערשײַנונגס־וועלט דאָס בונטע קלײד פֿון דער צײַט און בעלויכטען זי מיט זײַערע אײביגקײַטס־שטראַהלען. אין דער מאָרגענדעמערונג פֿון זײַן געשיכטע האָט דער בונד פֿערטײדיגט דעם אידישען אינדיווידואום געגען דער אידישער נאַציע, די שטאַרבענדע צעלע געגען דעם לעבענדען אָרגאַניזם. „מיר ווײסען ניט פֿון דעם „אײביגען איד", מיר קאָנען זיך נאָר מיט אידען" — דאָס איז געוועזען דער דעוויז פֿון דער ערשטער בונדישער פּאָהן... און בעת די פּײַנדליכע גלות־ווירקליכקײַט האָט לעכערליך געמאַכט דיזען אַטאָמיסטיש־קאָנקרעטען דעוויז און האָט אויפֿגעוועקט די אידען צו די לײַדען און האָפֿנונגען פֿון דעם „אײביגען איד", וועלכער איז און בלײַבט די אײנציגע גרויסע און ווירקליכע פּערזענליכקײַט פֿון דער אידישער געשיכטע; בעת דער געטאָ־איד האָט זיך גענומען גרײטען צום שטורם געגען זײַנע ענגע געטאָ־מויערן און האָט אויף די חורבות פֿון דעם געשיכטס־לײַדענדען פֿאָלק פֿאַנאַנדערגעוויקעלט די פֿאָהן פֿון דעם געשיכטס־שאַפֿענדען פֿאָלק: — האָט דער בונד אָנגעהויבען פֿערטײדיגען די „נײטראַלע" אידישע נאַציע געגען דער פּרוכטבאַרער און שאַפֿענדער, די קלײנע אָרטיג־בעגרענצטע געגען דער גרויסער אַלוועלטליכער. „נאָר נישט אַלגעמײַנעס, נאָר נישט גרויסעס, נאָר נישט אײן גרויסער גאָט, לאַהליך ישראל, יעדערער מוז דינען און ליעב האָבען זײַן קלײנעם הויז־גאָט" — דאָס איז געוועזען דער דעוויז פֿון דער צווײטער בונדישער פֿאָהן... נאָר אָט בעווײַזט זיך אַ דריטע עפּאָכע. אין הונגער און בלוט און בלוטצײכען פֿון דער געשיכטע ווערט געבאָרען דער גײַסט פֿון דער נײַער אידישער נאַציע: די וואַנדערענדע אידישע מאַסען פֿאַרנעמען די אידישע געשיכטס־אַרענע... מעכטיגע אונטערערדישע כוואַליעס צושטערען מיט רעוואָלוציאָנערער גיכקײַט די אַלטע קלײנע געטאָס און שאַפֿען, בעשולדיגענדיג און רופֿענדיג דאָס אידישע פֿאָלק, גרויסע מאָדערנע מיליאָנען־געטאָס, וואָס זאָגען עדות איבער די געבורטס־וועהען פֿון אַ נײַעם פֿאָלק, וואָס זאָגען נבואה וועגען אַ גרויסער אידישער

---

*) זעה „דער שטראהל", № 1.

צוקונפֿט.... אויף דער באַנקראָטער בונדישער פּאָהן ערשיינט אַ דריטער דעוויז: מיר פֿערטיידיגען דעם איינצעלנעם וואַנדערער געגען דאָס וואַנדערענדע פֿאָלק"... אַזוי האָט דעם בונד שטענדיג געפֿעהלט „פּלאַץ צו דעבאַטירען וועגען דער אָרעמקייט און שמאָלקייט פֿון אידישען לעבען"... ערשטוינט שטעלט זיך אָב דער לעזער: אין בריעף וועגען דער אידישער אַרבייטער-בעוועגונג— קיין פּלאַץ ניט צו רעדען וועגען דעם אַלגעמיינעם אידישען לעבען? און די לאָגיק וואו איז? ניט לאָגיק זוכט, פֿערטיעפֿט זיך אין דער פּסיכאָלאָגיע: דאָ רעדט צו אייך די בונדישע טראַדיציע, דער עלטער בונדישער צייט-גייסט...

V

„און אַליין בויט מען די אייגענע עקזיסטענץ אויף קרעדיט, אויף טעאָריעס, אויף נביאות און פּראָיעקטען, אויף טרוימען".

„דער מאָרגענשטערן", № 1

אַ שיינעם טרוים האָט אַמאָל געטרוימט דער בונד... ער האָט געוואָלט אין דעם אויפֿוואַכענדען בעוואוסטזיין פֿון דעם אידישען אַרבייטער פֿערניכטען דעם אידישען גלות, אין דעם אידעען-קאַמפּף געגען די טראַדיציעס פֿון דער גאַנצער וועלט פֿערניכטען די טראַדיציע פֿון אידישע ליידען און פּיין, ער האָט געוואָלט דורך זיינע ברייטע געדאַנקען און האָפֿנונגען צושטערען די ענגע און פֿעסטע געטאָ-מויערן... צו דער צייט האָט מען פּאָעטיש-זאָרגלאָז געלעבט אויף קרעדיט, יעדער נייער שריט איז געוועזן אַ פּראָיעקט, יעדער נייער געפֿיהל האָט געבוירען אַ חלום, יעדער נייער געדאַנק אַ נבואה... און מען האָט דעמאָלט געבויט און צושטערט, געטרוימט און געשאַפֿען — מען האָט עקזיסטירט... מען האָט געשטורמט געגען די אַלטע און שוואַכע געטאָ-מויערן, דען אַ גייסט פֿון קנאים האָט געלעבט אין דער רעוואָלוציאָנערער סעקטע... נאָר די שרעקליכע געטאָ-מויערן האָבען אַרויסגעוויזען די מאַכט פֿון זייער טויזענדיאָהריגער שוואַכקייט, דעם מוט פֿון זייער איביגער פּחדנות, דאָס לעבען פֿון זייער לאַנג-זאַמען טויט... דורך געדאַנקען אַריבערשפּרינגען די געטאָ-מויערן האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר אונמעגליך, נאָר מאַטעריעלע כחות האָבען געקענט צושטערען דעם מאַטעריעלען גלות, נאָר אַ שרעקליכער תהו ובהו האָט געקענט פֿערניכטען די אַלט-געוואָרענע אָרדנונג און געבוירען אַ נייע וועלט... און דער בונד האָט זיך מיאש געוועזן און פֿערלאָרען זיינע חלומות... יעצט זענען מיר אַ פּראַקטישע פּאַרטיי און בויען אויף מזומנים. געקויפֿט און געצאָהלט איז אונזער דעוויז. אויס קרעדיט, אויס טעאָריעס, אויס נביאות, אויס חלומות, מיר זענען צופֿרידען מיט אונזער בלאָטע און טאַנצען אין איהר אַ לוסטיגען, לעבעדיגען און פֿרעהליכען שדים-טאַנץ... אָהן די נבואישע אינסטינקטען פֿון דער יוגענד, אָהן דער ערפֿאַהרונג פֿון דעם עלטער שלעפּען מיר

זיך, אַ פֿערעלטערטע אידישע יוגענד, אויף דעם לאַנגזאַמען וואָגען פֿון דער צייט מיט אַ לעכערליך=אַלטער מינע אויף דעם לייכטזיניגען יוגענד=געזיכט, דען יעצט איז אַ טרויעריגע צייט און מען דאַרף האָבען פֿון וואָס צו לאַכען... ענטשולדיגט נאָר וואָס מיר רעדען „וועגען דער אידישער אַרבייטער=בעוועגונג“....

VI

„עס איז קאָמיש זיך פֿאָרבען שטעלען די אייגענע פּאַרטיי אויסער דעם געזעץ.
„דער מאָרגענשטערן“, № 1.

דען מיר זענען ניט נאָר אַ פּאַרטיי... דען מיר בויען אויף די כּחות וואָס צושטערען דעם גלות און שאַפֿען אַ נייעס אידישעס פֿאָלק... זעהט איהר ניט די צייכענס פֿון דער געשיכטע? די אַלטע אידישע געזעלשאַפֿט שטאַרבט אָב... איינע נאָך דער אַנדערער פֿאַלען איין די מאַטעריעלע און אי=דעאָלאָגישע יסודות פֿון דעם ענגען שמאָלען און אַלטען געטאָ. צושטערט זענען די אַלטע ווירטשאַפֿטס=פֿאָרמען, צושמעטערט איז די אידישע איינגע=זעסענקייט. די טויזענדיאָהריגע פֿערגלייוערונג איז צורונען געוואָרען און אַ פֿליסענדער שטראָם איז געוואָרען דאָס אידישע לעבען... פֿעראייניגט, צוזאַ=מענגעגאָסען זענען אַלע געטאָס, צוריסען די אַמאָל אַזוי פֿעסטע פֿערבינדונ=גען מיט די אַלטע פֿאָטערלענדער, דאָס פֿאָלק זוכט זיך אַ נייעס לאַנד... אָט הויבען זיך אויף איבערן ברייטען מענשען=שטראָם כוואַליעס ביז צום הימעל, עס ענטשטעהט אַ ניויאָרקער געטאָ, אַ מעכטיגער טורם אויף אַ שמאָלען און שוואַנקענדען פֿונדאַמענט, אַ פֿערבלענדענדער גלות=מיראַזש, וואָס כּשופֿט פֿאַר די אויגען פֿון דעם וואַנדערער, אַ פֿאַלשעס ציעל, אַ גלענצענדע גלות=אידעע, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט ביז צו אַבסורד, אַ קאָמישע ערשיינונג, וואָס האָט אָנגענומען גראַנדיעזע פֿאָרמען. נאָר דער אַלעס פֿערפֿלייצענדער מענשען-שטראָם רוהט ניט און גיסט זיך ווייטער פֿונאַנדער, ס׳גראָבט אונטער דאָס געטאָ די אייגענע עקזיסטענץ, עס שאַפֿט זיך זיין אייגענעם קבֿרות=מאַן... און דיזען שעפֿערישען תּהו ובֿהו בעגריסען מיר. מיר בעגריסען דיזעס נייע און ברייטע לעבען, מיר בעגריסען דאָס פֿאַלען פֿון די לאָקאַלע געטאָ=מויערן מיט זיינע לאָקאַלע אידעאַלען. מיר קוקען זיך אויפֿמערקזאַם צו צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג פֿון דער אידישער געשיכטע... און איהרע בשׂורות גיבען אונז לעבען, איהרע אָנזאָגענישען – בעגייסטערונג...

מיר זענען אַ אָנפֿאַנג...

Bertoldi.

# קולטור־טרעגער־יי און קולטור.

(וועגען דער אידישער אינטעליגענץ)

I

די אינטעליגענץ — דאָס זענען די, וואָס שטרעבען צום העכסטען פּערזענליכען און געזעלשאַפטליכען בעוואוסטזיין, די, וואָס קוקען אַריין אין די טיפסטע פינסטערנישען און טראָגען די ווייטסטע פונקען בײַ זיך אין האַרצען.

די שאַפען די קולטור. אַנדערע פערשפּרייטען זי.

אַזאַ טבע האָט די אינטעליגענץ: ווען זי שאַפט קולטור־ווערטען, דאַן טראַכט זי ווייניג וועגען זייער פערשפּרייטונג. דער גײַסט פון שאַפען איז אַריסטאָקראַטיש און איינזאַם. ער איז אַרײַנגעטאָן אין זיך און בעגנוגענט זיך מיט זיך. ער שטרעבט ניט צו אַנדערע: אַנדערע שטרעבען צו איהם...

דאָס פערשפּרייטען די קולטור, — איהר דעמאָקראַטיזירונג, ווערט דער לעצטער ציעל, דער אידעאַל פון דער אינטעליגענץ דאַן, ווען זי איז זיך מיאש פון שאַפען. ווען זי איז זיך מיאש פון זיך, דאַן טראַכט זי וועגען אַנדערע. ווען עס ווערט אַ רחמנות אויף איהר, דאַן קריגט זי רחמנות צו די אַרומיגע.

ווען זי הערט אויף גרויס צו זײַן, דאַן ווערט זי גרויסמוטיג.

אַראָבפאַלענדיג פונ'ם שאַפענס־הימעל, ווערען די שטאָלצע פאָרשטעהער פון דעם גײַסט־אַריסטאָקראַטיזם, ווי די מלאכים, וואָס זענען געקומען צו אברהם אבינו, גלײַך מיט אַלע מענשען פון דער ערד: זיי „עסען און טרינקען" און ווישען אָב פון די פיס דעם לעצטען הימעל־שטויב... דער איינזאַמער זינגער, דאָס עלאָ פון אַנדערע וועלטען, ווערט אַ חזן בײַ'ן עמוד, אַ „שליח־צבור"; דער פּאָעט זאָגט בדחנות אויף חתונות, אָדער שרײַבט אין חרוזים אויפשריפטען אויף מצבות — דאָס ווענדט זיך אָן זײַן טעמפּעראַמענט; פון דעם נביא ווערט אַ פּרעדיגער; פון דעם צדיק — אַ רבי; פון דעם פילאָזאָף — אַנ'אויפקלערער; פון דעם געלעהרטען — אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר...

און איך האַלט עס פאַר אַ כלל: ווען עס הערט אויף די פערטיפונג, די אינטענסיווע ענטוויקלונג פון דער קולטור, דאַן הויבט זיך אָן איהר פערברייטערונג, איהר עקסטענסיווער וואוקס.

ווען די אינטעליגענץ פערגעסט אָן איהר ווײַטסטען ציעל — די קולטור, דאַן פערליבט זי זיך אין איהר נאָהענסטען צוועק — די קולטור־טרעגערײַ.

די קולטור און די קולטורטרעגערײַ — דאָס זענען דער הימעל און די

## דער שטראַהל.

ערד פֿון דער אינטעליגענץ, אירע פֿליגלען און אירע קוליעס. די קולטור הויבט זי אויף אין דער הויך, „צו די שטערען“ און די באַהאַלטענע זונען; אויף דער קולטורטרעגערײַ שפּאַרט זי זיך אָן, ווי אַ הינקענדיגער אויף זײַן שטעקען, ווען די הייסע זון פֿערשמאַלעט איהר די פֿליגלען, און זי פֿאַלט אַראָב, ווי אַ פֿערוואונדעטער אָדלער, אין טאָל אַרײַן, אין „עמק הבכא“...

II

די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע טראָגט נאָך אויף זיך די טראַגישע מאַסקע פֿון דער אַסימילאַציע — זי עפֿענט אָפֿט הימלען, קולטור-הימלען, פֿאַר דער מענשהייט; אַליין אָבער בלייבט זי זיצען אויף דער ערד, אינים טאָל פֿון קולטורטרעגערײַ. זי איז אין דעם טעמפּעל פֿון קונסט אַ משרת, ניט קיין כהן.

אין דער ספֿערע פֿונ'ם קולטור-שאַפֿען בענוצט זי שטענדיג ניט אייגענע, נאָר פֿרעמדע „פּראָדוקציאָנס-מיטלען“: — פֿרעמדע פֿאָרמען, פֿרעמדע שפּראַכען, פֿרעמדע טראַדיציעס. זי איז אַ גייסטיגער לוין-אַרבייטער, אַ קולטור-פּראָלעטאַריער...

די קולטור, וואָס זי שאַפֿט, בלייבט שטענדיג אויסער איהר; די קולטור נעהרט זיך פֿון איהר בלוט, זי דרינגט אָבער אין איהר בלוט ניט אַרײַן; זי ווערט ניט איהר לופֿט, איהר ליכט, איהר זון...

זי ווערט איהר שאָטען, איבער וועלכען זי וויל איבערשפּרינגען, נאָר וועלכער שלינגט זי אײַן...

די קולטור-ווערטען, וועלכע זי שאַפֿט, דינען נאָר צו פֿערמעהרען דעם שטאָף, וואָס זי וועט אין אַ ווײַלע אַרום פֿערניכטען.

די פֿעלקער-קולטורען זענען פֿאַר איהר אַזוי ווי אַנ'אַסעקורירטעס הויז פֿאַר אַ ניט ערהרליכען „פּאָדריאַטשיק“: ס'אַדאגה, זאָל ברענען — מען וועט זיך בויען אויפֿ'ס נײַ!

די סאַמע ערנסטע בעציהונג פֿון דער אידישער אינטעליגענץ צו דער קולטור און קולטור-מסירה איז דעריבער דער שמייכעל, די איראָניע. די איראָניע, וועלכע וואָלט געווען ציניש, ווען זי וואָלט ניט געווען אַזוי טראַגיש.

דאָס לאַכט דער „אייביגער אַהאַספֿער“ פֿון די מענשען און די פֿעלקער, וואָס פֿערשטעהען ניט, אַז ער איז שוין לאַנג טויט, און אַז דאָס לעבען איז ביי איהם נאָר אַ מאַסקע, און די טאָרבע און דער וואַנדערשטעקען — נאָר אַ סימוואָל פֿון... גייסטיגער אָרעמקייט.

דאָס לאַכט די קולטורלאָזע אידישע „קולטור“ פֿון דער אייגענער פּוסטקייט, וואָס איז אַזוי ערנסט... דאָס לאַכט זי פֿון דער הייליגער און לעכערליכער מיסיע, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען אייביג צו טראָגען אויפֿ'ן רוקען די גלעלע לאַטע פֿון „קולטורטרעגערײַ“.

# דער שטראַהל.

דאָס לאַכט די אידישע „קולטוס־געמיינדע“, די אידישע „טראַדיציע“, פון דעם „מאָנאָטעאיזמוס“, וואָס זי פערשפּרייט. און דער אידישער „פריי־מויערער“, דער אָנזאָגער פון דער „צוקונפט“, לאַכט פון דער „רעוואָלוציע“ און דער „גייסטיגער בעפרייאונג“, וואָס ער ברענגט אויף דער וועלט.

און אָט דעריבער איז די סאַמע ערנסטע ענטפּלעקונג פון דעם אידישען גייסט — די גאונות — די גאונות פון דער סאַטירע, די גאונות פון בערנע און היינע, די גאונות פון דעם שמייכעלדיגען זעלבסט־אינקוויזיטאָר, פון דעם ליריקער, וואָס בעזינגט און בעשפּייט די אייגענע נשמה; פון דעם פּאָעט וואָס פערוואַנדעלט זיין איך, זיין ליעבע און האַס, זיין ליריק אין מאַטעריאַל פאַר עפּישע ערצעהלונגען און סאַרקאַסטישע וויצען.

דעריבער איז דער אידישער אינטעליגענץ — כאָטש אין איהר ברוסט ראַנגלען זיך ניט צוויי, נאָר טויזענד נשמות, — פרעמד פויסט און איהר איז בעקאַנט נאָר פויסט׳ס דעמאָן — מעפיסטאָפעל.

דעריבער לאַכט די אידישע אינטעליגענץ, אין דער געשטאַלט פון איהרע פּאָעטען־סאַטיריקער, פון זיך, און מען מיינט זי לאַכט עס פון דער וועלט.

דעריבער האָט זי ניט קיין טראַדיציעס און מען מיינט, זי איז רעוואָלוציאָנער.

דעריבער האָט זי ניט קיין פערגאַנגענהייט, און מען גלויבט, זי קעמפּפט פאַר די צוקונפט.

דעריבער געפינט איהר אין איהרע קונסט־ווערק גענוג גאַל, פיעל, צופיעל, אָפענע און בעהאַלטענע, נערוועזהייט; נאָר „אין קיינפאַל, זאָגט ריכאַרד וואַגנער, דערגרייכט זי ניט די מדרגה פון התעוררות (Erregtheit) און העכערער האַרץ־דורכברענענדער ליידענשאַפט“ —, יענער ליידענשאַפט, וועלכע איז די מוטער פון יעדען אמת׳ען שאַפען...

דעריבער איז אין איהר לעבען און אין איהר געשיכטע מעהר טראַגיזם, ווי דראַמאַטיזם, און מעהר קאָמיזם ווי טראַגיזם.

און דערפאַר איז זי קולטור־טרעגעריש, כאָטש מען מיינט זי איז קולטורעל.

קולטורעל איז די אינטעליגענץ, אין וועלכער עס לעבט דאָס געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געשיכטע.

די אינטעליגענץ, וואָס קאָן ניט בלויז דענקען, נאָר אויך געדענקען. וואָס טראַכט ניט בלויז וועגען די איינציקלעך, נאָר אויך וועגען די זיידעס.

בעפרוכטען די פערגאַנגענהייט און געבוירען די צוקונפט — אָט דאָס דאַרף זיין די געגענוואַרט. אַזוי זאָגט ערגיץ ניטשע. פון דער געגענוואַרט, וואָס בעפרוכטעט ניט און ווערט ניט בעפרוכטעט פון דער פערגאַנגענהייט — קאָן ניט געבוירען ווערען קיין צוקונפט, קאָן ניט זיין קיין קולטור.

קולטור הייסט שאַפֿען, בעהעפֿטען זיך, דורך ליידען און ליידענשאַפֿט אין ליעבע און עקסטאַז, מיט גאָט, מיט דער אייביגקייט. זיך איינפֿלעכטען אין דער „גאָלדענער קייט“. וואו דער טויט גיסט זיך צונויף מיט'ן לעבען, דאָס גע־וועזענע — מיט דעם ווערדענדען, דער נעכטען — מיט דעם מאָרגען.

וואו איז די גאָלדענע קייט פֿון דער אידישער אינטעליגענץ? זי האָט זיך ניט איבערגעגאָסען אין אַנאַנדערער, אַ נייער; זי האָט זיך איבערגע־ריסען. אירע רינגעלעך האָבען זיך פֿאַנאַנדערגעקייטעלט, זענען צושאָטען־גע־וואָרען, וואַלגערן זיך און שוואַווערען... אפֿשר וואַרטען זיי אויף דעם שמיד פֿון דער געשיכטע, וואָס זאָל קומען און אַראָבנעמען פֿון זיי דעם שטויב און דעם ראָסט און זיי אָבשייערן און זיי אויסלייטערען אין אַ נייעם פֿייער, — וואָס זאָל קומען און זיי בעהעפֿטען?

אָבער ביז אַט דער וואונדער וועט געשעהען, וועט די אידישע אינטע־ליגענץ, וואָס האָט זיך, ווי אַ שטיק שטערן, אָבגעריסען פֿון דער אייגענער קולטור־פּלאַנעטע, — אַרומבלאָנדזשען, ווי קין, איבער דעם מדבר פֿון דער וועלט און זיך ערגעץ קיין אָרט ניט געפֿינען, און ערגעץ זיך ניט געפֿינען.

זי וועט זיין אומעטום, ווייל זי וועט ערגיץ ניט זיין.

זי וועט ניט האָבען קיין קולטור, ווייל זי וועט האָבען אַ סך קולטורען.

זי וועט גאָרנישט ניט ליעבען, ווייל זי וועט אַלץ ליעבען...

און זי וועט אַלץ האַסען, ווייל זי וועט אויף קיין זאַך ניט אויסגיסען איהר גאַנצען האַס.

אין יעדער קולטור־מחנה וועט זי שטעהן אין עק — גרייט צו ענטלויפֿען...

נאָר בלייבען וועט זי אייביג אינמיטען, צווישען דער קולטור און די פֿעלקער — אַ קולטור־טרעגערין!

III

דאָס געטאָ, די אידישע גאַס האָט אין זיך די טבֿע — ווער ווייס עס ניט? — קלענער צו מאַכען אַלץ, וואָס קומט אַהין אַריין פֿון דרויסען.

אויך די אידישע קולטור־טרעגעריי, די גייסט־פֿערמיטלעריי, וועלכע איז דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, גרויס און ברייט, איז אין דער אידישער גאַס, וואָהין עס האָבען זי מיטגעבראַכט די אינטעליגענטען־בעלי־תשובֿה־ניקעס, גע־וואָרען קליין, געמיין. ווי אַ שטראַהל פֿון דער זון פֿערלירט זיין קלאָהרהייט, זיין שיין און גלאַנץ, ווען ער טונקט זיך אָב אין אַ מוטנעם וואַסער, — אַזוי האָט די קולטור־טרעגעריי אין די ד' אמות פֿון דעם אידישען געטאָ פֿערלאָרען איהר רייצענדען קאָליר, איהר חן און הוות.

די קולטור־טרעגעריי פֿון דער מערבֿ־איראָפּעאישער אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ איז ניט בלויז אַ פּראַקטיק, זי איז אויך אַ טעאָריע. זי האָט זיך דערהויבען ביז צו אַ אייגענער אידעאָלאָגיע, ביז צו אַ אייגענער וועלט־אַנשוי־

אונג. זי איז געוואָרען אַ קולטור־מיסיע, אַ קולטור־מעסיאַניזם. אַמאָל אין די גוטע יאָהרען פון דער עמאַנסיפּאַציע האָט זי געטראָגען אויף זיך די אויף פּראָקאַט גענומענע, אָבער דאָך מיט דימענטען אויסגעזעצטע, אָבער דאָך קעניגליכע מאַנטיע פון דער צוקונפט. איהר בלאַס געזיכט האָט זי בעדעקט מיט דער רויטער מאַסקע פון דער רעוואָלוציע. דער אידישער ניהיליזם איז געוואָרען ביי איהר אַ מקור פון ראַדיקאַליזם און וועלט־אומשטירצלעריי. איהר ציניש געלעכטער האָט זי פערטויבט מיט די וואַסערפאַלען פון דער סאַטירע. איהר אינערליכע גלייכגילטיגקייט האָט זי איינגעפּאַסט אין דער פייערדיגער ראַם פון מליצה און ריטאָריק. גערעדט האָט זי אין נאָמען פון דער מענשליכקייט און דער מענשהייט; די אידען גופא האָט זי גערופען צו אַ נייעם לעבען, צו אַ נייעם גלויבען, צו נייע קולטור־ווערטען און קולטור־איבערווערטונגען.

אָבער אונזערע היימישע מיניאַטור־קולטורטרעגער, — די משכילים, וואָס זענען פּלוצלונג „דעמאָקראַטען“ געוואָרען און נאָך פּלוצלינגער — „נאַציאָנאַליסטען“, — אונזערע היימישע מיקראָסקאָפּישע קולטור־טרעגער זענען געווען און געבליבען קליינליכע, פּראַקטישע געגענוואַרטס־מענשען. אָהן קולטור און אָהן יעדען קולט, אָהן יעדער פערגעטערונג. וואָכעדיג, און אָהן איין טראָפּען עקסטאַז, אָהן איין פונק פּאַטאָס, אָהן איין אוטאָפּישען פּלאַן, אָהן איין לעגענדע. מיט אַ „אוסטאַוו“ און אָהן אַ פּראָגראַם, מיט פאָדערונגען און אָהן דעוויזען. אָהן פּערספּעקטיווען, אָהן זכרונות און אָהן טרוימען.

אָהן אַ אידעאָלאָגיע און אָהן אינערליכען אידעאַליזם. דער אידעאַליזם זייערער געהט ניט ווייטער פון קאַלטער פילאַנטראָפּיע און זיסער, ניט ווייטער פון קאַלטער... נאָר איינשלעפערענדער, דעמאַגאָגיע. ביי איינע — פילאַנטראָפּישער דעמאָקראַטיזם, ביי אַנדערע — פילאַנטראָפּישער נאַציאָנאַליזם און ביי אַלעמען — פילאַנטראָפּישע „בילדונג“, פילאַנטראָפּישע „קולטור“...

ווייסען זיי דען, אונזערע נאַציאָנאַל־פילאַנטראָפּישע „קולטור־טרעגער“, פון שמערצליכע קולטור־בענקשאַפטען, פון גייסטיגען מסירות־נפש, פון גייסטיגען ווידערגעבורט, פון גייסטיגער רעוואָלוציע?

ניין: זיי פּאַסען זיך צו די בעדינגונגען. זיי שטעהען אייביג אויף איין אָרט, דרעהען זיך נאָר צוזאַמען מיט דעם ערד־קוגעל און בעריהמען זיך מיט זייער טרייהייט צום — „גאַנג פון דער געשיכטע“. זיי האָבען נישט קיין פּערזענליכקייט און מיינען — זיי זענען אָביעקטיוו. זיי ציטערן זיך צוצוהערען צו די אינערליכע קלאַנגען פון זייער נשמה, — און פּראָקלאַמירען זעלבסט צופרידען: מיר זענען נייטראַל!

זיי שטעהען און „היטען“ דעם עץ־הדעת פון דער „נאַציאָנאַלער טראַדיציע“ און שרעקען זיך אַ האַנד אויפהויבען און רייסען פון בוים די פרוכטען...

זיי שטעהען ביים טיר פון גן־עדן — פון דער פאָלקס־קולטור — און האָבען מורא אַריינצוגעהן: דער מלאך קאָן נאָך דעם שווערד אַראָבלאָזען... דער

שלאַנג קאָן נאָך צורעדען... און זיי — זיי קאָנען נאָר תשובה טאָן, — זינדיגען האָבען זיי מורא...

און זיי טראַכטען ניט, ווי זייערע עלטערע ברידער אין מערב-אייראָפּע, וועגען דער מענשהייט: וועגען דעם האָבען זיי אַמאָל געטראַכט; איצט האָבען זיי הרטה:

— על הטא שהטאנו בקאָסמאָפּאָליטיזם!

ער, דער קאָסמאָפּאָליטיזם, דאָס וועלט-בירגערטום האָט זיי, נאַרעלעך, אָבגענאַרט. מאוס אָבגענאַרט. מעהר גלויבען זיי איהם ניט: אוים. איצט טוליען זיך אַ סך פון זיי צום כלל-ישראל: זאָל ער זיי, פערבלאָנדזשעטע שעפעלעך, בעשירמען און בעשיצען!

און זיי טראַכטען ניט אונזערע קולטור-טרעגער, וועגען דעם מענשען, — וועגען דעם מענשען מיט אַלע זיינע בעגעהרען און פערלאַנגען, מיט זיין איי-ביגען וואַקסען און זיין אייביגען שטרעבען זיך איבערצוּוואַקסען, מיט זיין גאָט-זוכעניש, מיט זיין אינערליכען דעמאָן, מיט זיין ציהען זיך צום הימעל און זיין תאוה צו דער ערד, מיט זיין פערליעבט זיין אין זיך און אין דער קראַפט פון שאַפען... זיי טראַכטען וועגען דעם מענשעלע — דעם קליינעם, דעם צוּנויפגעקאָרטשעטען, דעם שטילען וואָרם, דעם נחום-איש-גמזו-אַרטיגען: — ער פערלאַנגט ניט קיין סך, ניט פון אַנדערע, ניט פון זיך: ער וויל ניט זיין קיין איבריגער צדק, ניט קיין איבריגער רשע — אַ בינוני... ער וויל נור האָבען גוטע מדות — דרך ארץ פאַר גרויסע לייט און השק צו קליינע, גאָר צו קליינינקע עבוּרות'לעך. ער וויל זיין אַן ערהליכער יגיע-כפים'ניק, ביי קיינעם, הלילה, ניט פערנעהמען, ניט אָנריהרען אַ פליג אויפ'ן וואַנד, — האָבען אַ מלאכה אין האַנד און אַ ביסעלע „קענטעניסען“.

ער וויל, קורץ, שטאַרבען אין אייגענע תכריכים און... לייענען דאָס „טאַגעבלעטיל“.

אָט וועגען איהם, דעם ערהליכען יגיע-כפים'ניק, דעם אַרבייטענדען קליינבירגער און קליינבירגערליכען אַרבייטער, דעם נחום-איש-גמזו, וואָס וויל שטאַרבען אין אייגענע תכריכים, און לעזען דאָס „טאַגעבלעטיל“, — אָט וועגען איהם זאָרגען עס אונזערע גוטהערציגע „קולטור-טרעגער“, די כל המינים „מפיצי-השכלה'ניקעס“, די רייכע און די אָרעמע, די „אַריסטאָקראַטישע“ און די „דעמאָקראַטישע“!

און זייער דעוויז איז: פּאָפּולער און ביליג!

— „אַ קאָפּיקע אַ היינטיגעס טאַגע-בלעטיל“!!

פערשידען זענען ביי די כלערליי קולטור-טרעגער די מיטלען צו פערווירקליכען אָט דעם הילכיגען און ביליגען דעוויז, נאָר אין איין זאַך איז צווישען זיי אַלעמען ניטאָ קיין אונטערשייד: זיי אַלע האָבען נאָר מיטלען און נישט קיין ציעלען, נישט קיין זעלבסט-ציעלען. דער נאַציאָנאַליזם — אַ מיטעל צום דעמאָקראַטיזם, אַ מיטעל נעהנטער צוצוגעהן צום פאָלק, צו דער מאַסע;

דער „דעמאָקראַטיזם“ — דער דעמאָקראַטישער „זשאַרגאָן“ און „זשאַרגאָנישע“ לי=
טעראַטור — אַ מיטעל צו בילדונג... בילדונג — אַ מיטעל צו פּרנסה... די
אַלטע אידישע פּרנסה!...

„די אַלטע גרויסע אידישע טאָרבע“!

IV

די אַלטע גרויסע אידישע טאָרבע...

ווען וועלען מיר פון איהר אויסגעלייזט ווערען? — פרעגט ביי דער געּ=
שיכטע, אויב זי וועט אייך ענטפערען... פרעגט ביי די, וואָס גלויבען, אַז
זיי, מיט זייער ווילען שמידען די קייט פון דער געשיכטע, — אויב זיי האָבען
ווערטער...

אָבער די קולטור=טאָרבע, די קולטור=בעטלעריי — צו דען איז זי אויך אַנ'=
אייביגע קללה, אַנ'אייביגער קין=צייכען אויף אונזער צוקנייטשטען און צובלו=
טיגטען טויזענדיאָהריגען שטערען?

צו דען איז ניט בלויז דער גוף, נאָר אויך די נשמה, אונזערע פער=
וועלקט געוואָרען? און דער מוח האָט אונז אויסגעדאַרט? און די נבואה אָבגע=
טאָן? און מיר קאָנען מעהר ניט גלויבען? און די פאַנטאַזיע איז פערלאָשען, —
די „געטער=שאַפענדע“ פאַנטאַזיע פון אַזוי פיעל קעפּ, דער געניאַלער מוח פון
אַזוי פיעל דורות, — פון משנה, פון גמרה, פון סעדיה גאון, פון כוזרי, פון
רמב"ם, פון גר"א? די נשמה אין דער רוח הקדש פון חומש, פון די נביאים,
פון תהלים, פון דער אגדה, פון ר' יהודה הלוי, פון שבתי צבי, פון בעל=שם
טוב?

צי דען פיהלט איהר ניט די חוצפה און דעם חלול=הקודש, וואָס ליגט אין
דער פראַגע?

ניין! אַזאַ פראַגע טאָר ניט געשטעלט ווערען. צו אונזער קולטור=בעטלע=
ריי מוז נעמען אַנ'עק. וואָס גיכער. די קולטור=טאָרבע מוז אַוועקגעלעגט ווערען
אין מוזעאום. אויב מיר ווילען אַליין אַהין ניט אַוועק.

מיר מוזען אויפהויבען די פאָהן פון קולטור, ניט פון קולטור=טרע=
גערייַ, — פון קולטור, אַלס ציעל, ניט אַלס מיטעל. פון קולטור, אַלס שאַפונג,
ניט אַלס פערמיטלעריי, פון קולטור, אַלס היים פאַר אונזער גייסט.

זאָלען זיך עוסק'ן מיט דער קולטור=פילאַנטראָפּיע, מיט דער „ביליגער ביל=
דונג“ אַלע גוטע און פרומע לייט: דער אויבערשטער זאָל זיי העלפען! מיר, ניט=
פילאַנטראָפען, ווילען פריהער זיין, דערנאָך ערשט גוט זיין. מיר ווילען זיין
און בעוואוסטזיין. זעלבסטבעוואוסטזיין. זעלבסט=ערקענטניס.

מיר מוזען האָבען לופט צו עטמען, לופט צו שאַפען. מיר קאָנען
ניט דערשטיקען אין זיך די בענקשאַפט נאָך קולטור און קולטור=שאַפען. מיר

## דער שטראַהל.

ווילען זיך ניט אָבזאָגען פֿון די ליידען פֿון דער בענקשאַפֿט און פֿון דעם גליק פֿון דער בענקשאַפֿט.

מיר מוזען געפֿינען דעם שורש פֿון אונזער נשמה, אונזער אינערליכע זון; עס מוז אַ ליכט, אַ נייַ ליכט אָנגעצונדען ווערען אין דעם „אוהל“ פֿון אונזער פֿערגאַנגענהייט. מיר מוזען זיך צוריק איינפֿלעכטען אין די „גאָלדענע קייט“... בעפֿרוכטען און בעפֿרוכטעט ווערען מוזען מיר פֿון די געשטאָרבענע און די קינפֿטיגע דורות.

און ניט בלויז ליבען, נאָר אויך ליעבען אונזער קולטור ווילען מיר. אַקטיוו און שעפֿפֿעריש ליעבען. זי זאָל ווערען פֿאַר אונז אַ קוואַל ניט בלויז פֿון טרייסט, נאָר אויך פֿון בעגייסטערונג. ניט בלויז פֿון ערינערונגען, נאָר אויך פֿון האָפֿנונגען און נייַע טרוימען...

* *
*

„נאָר שאַפֿענדיג קאָנען מיר פֿערניכטען“... אונזער דעוויז דאַרף זייַן: שאַפֿענדיג, פֿערניכטען. שאַפֿענדיג און שטילענדיג דעם דורשט צו שאַפֿען און געניסענדיג דאָס גליק פֿון שאַפֿען. דאָס גליק פֿון זעלבסט-אויסערונג, פֿון זעלבסט-בעשטימונג...

די אידישע אינטעליגענץ, וואָס וועט דערפֿיהלען בייַ זיך אין האַרצען דעם וועהטאָג און דעם דורשט און די בענקשאַפֿט נאָך אָט דעם גליק, נאָך אָט דעם גליקליכסטען גליק, — די אידישע אינטעליגענץ וועט זיך אומקערען, וועט זיך מוזען אומקערען צו איהר מקור, צו זיך.

זי וועט ניט דאַרפֿען מעהר די קולטור „טראָגען“: זי וועט זי שאַפֿען; דער שאַפֿענס-גייסט האָט פֿליגלען: ער טראָגט זיך זעלבסט...

נאָר ווען וועלען שוין אויסוואַקסען די פֿליגלען?

ווי לאַנג וועלען נאָך דויערען די געבורטס-שמערצען פֿון אָט דער נייַער אידישער אינטעליגענץ?...

**ש. ניגער.**

דעצעמבער 1907.

# די בונדישע קריטיק.

## (איינִיגע שטריכען).

ניט פֿיעל חכמה, ניט קיין סך תורה פֿאָדערט זיך, ווען מען גיעהט מיט'ן דורכגעלעגטען, אויסגעטראָטענעם וועג.

רוהיג לעבט זיך אויף דערביי. אַליך איז בעשטימט, זיכער, קלאָהר. ס'פֿיקות עגבערען ניט, קאָרטשען ניט דעם מח, דער קאַלט־הייסער זוכעניש־פֿיבער שוידערט ניט די נשמה. רוהיג לעבט זיך...

אַ רוהיגע, בערוהיגענדע אידעאָלאָגיע איז דער בונדיזם. זי צווינגט ניט זוכען. די נשמה — זי מעג זיך רוהיג שלאָפֿען; דער מח — ס'איז גענוג ער זאָל זיך פֿויל ריהרען...

דער סאָציאַליזם האָט איבערגעלעבט אַ גרויסען קריזיס. דער היציגער רעוואָלוציאָניזם האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט'ן רוהיגען, קאַלטען רעוויזיאָניזם. אַלע גרונדלאַגען פֿון דער טעאָריע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער פֿראַגע־צייכענס. ס'איז געווען אַ גרויסער צוזאַמענשטויס, אַ לייִדענשאַפֿטליכער שטרייט. דער בונדיזם איז זיך געבליבען אַייז־רוהיג, ניט איהם מיינט מען עס. די „אַרבייטער־שטימע", עליה השלום, האָט נאָר אין אַ פּאָר הונדערט שורות מודיע געווען, אַז רעוויזיאָניזם איז כלו קליינבירגערליכקייט. דערמיט איז דאָך, ווי בעוואוסט, שוין אַליך געזאָגט, אַליך פֿערענטפֿערט.

ס'איז געווען אַ היציגע אָרטיגע מלחמה — באָלשעוויזם און מענשעוויזם. מען איז געווען באָלשעוויסטיש, אין אַ שיינעם פֿריהמאָרגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מענשעוויזם לוינט בעסער, איז מען געוואָרען מענשעוויסטיש — און אַליך אַזוי רוהיג, אַזוי זיכער, אַזוי מעכאַניש...

און שוין די אייגענע „פֿערשאָלטענע" פֿראַגע — די נאַציאָנאַלע פֿראַגע... אַ סך האָט מען דאָ געזוכט, געליטען? האָבען דאָ געגיפֿטעט די ספֿקות? האָט דאָ געפֿיבערט דער געדאַנק? האָט מען דאָ איבערגעלעבט די ליידען פֿון אָנגעשטרענגטען זוכען און עקסטאַז פֿון אָנשטויסען זיך אויף דעם אמת, אויף די בעגעהרטע תשובה — דעם עקסטאַז פֿון געפֿינען?...

צי וואָס זאָלען זיך אָנשטרענגען, אָנציהען די סטרונעס פֿון דער נשמה און אָבקלינגען, וועהטאָגדיג אָבקלינגען אויף יעדען אָנגריף פֿון דער פֿערפּלאָנטערטער ווירקליכקייט? צי וואָס זאָל זיך דרעהען, קנייטשען דער מח? — אַליך איז דאָך קלאָהר, דער וועג איז אָפֿען, דער וועג איז ברייט. אָט איז זיין אָנהויב, אָט איז זיין סוף. מען דאַרף נאָר טריט שטעלען: איינס, צוויי — איינס, צוויי... ריין מעכאַניש, ס'איז גענוג...

כאָציאַליסטישע פֿיליסטערען!

## דער שטראַהל.

זיי איז אונבעקאַנט, פרעמד די טראַגעדיע פון זוכען; די גייסטיגע זאַטקייט, די וואָכעדיגקייט פון גייסטיגען בעזיצען — דאָס ווייסען זיי, דאָס ליבען זיי.

רוהיג לעבט זיך זיי די בונדיסטען. אַלענפאַלס, רוהיג האָט זיך זיי ביז איצט געלעבט.

ביז איצט: ווייל מען רעדט וועגען דעם, אַז די לעצטע נסיונות, דער שרעקליכער קריזיס אין דער אידישער אַרבייטער־בעוועגונג האָבען אויך אויף די בונדיסטען געווירקט. מען זאָגט, אַז אויך דער בונדיזם לעבט איצט איבער אַ קריזיס. ס'צוקריכען די אַלטע אמת'ן, ס'וועבען זיך נייע. ס'ווערען איבערגעשאַצט ווערטען. ס'ענטשטעהט אַ נייער, מאָדערנער בונדיסט. דער פלאַכקעפיגער, שמאָל־הערציגער פראַקטיציזם — דער עצם פונ'ם בונדיזם — וואַרימט מעהר ניט. ס'לאָזט זיך הערען וועגען „פערספעקטיווען“, האָריזאָנטען און ענליכע „געפערליכע“ בעגריפען.

אַזוי זאָגט מען. ס'קען אויך זיין. דערווייל איז עס אָבער נאָר זייער אַ שטובּיגער ענין. די וועלט גיט מען וועגען דעם ניט צו וויסען. אין דער ליטעראַטור איז אַלץ ווי געוועזען. די ליטעראַטור איז צופרידען...

* *

*

רוהיגינקע, קאַלטינקע, קליינצינקע, זענען זיי שטענדיג ווייט געוועזען פון גייסטיגען שאַפען — פון אמת'ן גייסטיגען צושטערען און בויען. „פראַקטיש“ זענען זיי שטענדיג געוועזען. זיי זענען עס געוועזען אין בעצוג צו זיך, געוועזען זענען זיי עס אין בעצוג צו אַנדערע.

ווי האָבען זיי, צום ביישפיעל, געקעמפפט מיט'ן סאָציאַליסטישען טעריטאָריאַליזם? דאָס איז אַ אינטערעסאַנטער און זיך לאַנג־ציהענדער פאַס אין זייער געשיכטע.

צוערשט זענען געגאַנגען בלויז רכילות. אָפט שוואַרצע, העסליכע, שענדליכע. ס'האָט ווייניג געהאָלפען. האָט מען זיך געמוזט נעמען פאַר נייע מיטלען. מען האָט צוגעטראַכט „מאַרקסיסטישע“, „סאָציאַלדעמאָקראַטישע“ סברה'־לעך, המצאה'לעך. און מיט זיי האָט מען זיך געלאָזען אין שטרייט.

מען האָט דעקלאַרירט:

צוזאַמען מיט ניט פראָלעטאַרישע גרופען קענען זיך סאָציאַליסטען געפינען נאָר אין אַזוינע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגען אַ יורידישען צוואַנגס־כאַראַקטער. די טעריטאָריאַליסטישע (אָדער ציוניסטישע) פעראיינינגונג טראָגט ניט אַזאַ כאַראַקטער, זי איז אַ פרייוויליגע. די סאָציאַל.־טעריטאָריאַליסטען ערקלערען זיך פאַר סאָציאַליסטען, לכן, קענען זיי זיך אין איהר ניט בעטייליגען. אַליין אָבער קענען זיי דעם טעריטאָריאַליזם ניט פערווירקליכען, אַלזאָ...

# דער שטראַהל.

אַ פֿערכּישופֿ'טער קרײַז.

אָדער: די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען, אַלס סאָציאַליסטען דאַרפֿען ענטוויקלען דאָס קלאַסען־בעוואוסטזײַן פֿונ'ם אידישען פּראָלעטאַריאַט. דאָס קלאַסען־בעוואוסטזײַן העלפֿט מיט דער פֿאַנאַנדערוויקלונג פֿונ'ם קלאַסען־קאַמפּף. דער לעצטער צורײַסט די נאַציע. דער טעריטאָריאַליזם לויט זײַן וועזען נאָך פֿאָדערט אָבער די פֿעראייניגונג, די איינינקײַט פֿון דער נאַציע. לכן...

אַ אינוועניגסטע סתירה.

אָדער ווײַטער. די געגענוואַרט איז ניט פֿערבונדען מיט דער צוקונפֿט.. דאַרף מען אַ פֿרײַלאַנד, ווײַל דער גלות איז שלעכט, קען מען ניט האָבען צו־טהון מיט דיזען גלות. האָט מען יאָ צו טהון מיט'ן גלות, לייקענט מען דער־מיט אָב די נויטיגקײַט פֿון פֿרײַלאַנד...

און נאָך, און נאָך ענליכע טיפֿזיניגקײַטען האָט דער שעפֿפֿערישער בונ־דישער געדאַנק ערפֿונדען.

און אַרויסגעטראָטען זענען זיי, דיזע טיפֿזיניגקײַטען, אונטער דער שטענ־דיגער בעגלייטונג פֿון די „פּראַקטישע“, האַרבע שאלות: און ווער וועט אײַך געבען אַ לאַנד? און וואו וועט איהר נעמען געלד? — דאָס איז געווען דאָס זיכערסטע, שווערסטע געוועהר.

דאַרינקע, אָרימינקע סכאָלאַסטיק!

און דערמיט האָבען זיי געמיינט אײַנצונעהמען!

מען איז אונפֿעהיג געווען אָנצוטאַפּען די נשמה פֿונ'ם סאָציאַליסטישען טעריטאָריאַליזם. מיט איהר האָט מען זאָגאַר ניט פּרובירט שטרײַטען. מען האָט ניט גע־געגעגעשטעלט דער נשמה פֿונ'ם סאָצ.־טעריטאָריאַליזם די נשמה פֿונ'ם בונדיזם. דערויף איז מען געווען צו קורצזיכטיג, צו גײַסטיג־שוואַך.

מען האָט זיך געדראַפּעט אויף דאָס אויסערליכע. דער שטרײַט איז געווען ניט קײַן פֿאַנאַנדערגעוויקעלטער, ברייטער און גרויסער, דרייסטער און שיי־נער. אַ קליינליכער איז ער געווען, אַ נישטיגער...

און אויפֿ'ן זעלבען שטייגער ווערט ער עד היום געפֿיהרט. דאָס זעלבע פּוסטע פּולווער, די זעלבע קאַרטאָנען־שווערדען.

אויסערליכע, פֿאָרמאַלע המצאה'לעך, פֿלאַכע און פּוסטע, דאָס פֿערמאָ־גען זיי. אין תוך איינע און די זעלבע, נאָר אין אַ ביסעל געענדערטער פֿאָרם, געהען זיי איבער פֿון איין בונדישען דור צום צווייטען. פֿון צײַט צו צײַט ווערען זיי אונטערגעטראָגען דעם עולם. נישטיגע פֿאַר זיך, שמאָכטען זיי זיך נאָך דערצו צוליעב זייער כאַלידען עלטער.

און דעם שונא גופֿא האָבען זיי אויך שטענדיג בענומען נאָר אַלס צופֿע־ליגקײַט, צײַטווײַליגקײַט, מיספֿערשטענדניס. זײַן ווירקליכעס זײַן, זײַן היסטאָ־רישע גרויס האָבען זיי קיינמאָהל ניט געפֿיהלט, ניט דערפֿיהלט.

## דער שטראַהל.

דער קליינער פּראַקטישער חוש, די קליינע פּראַקטישע ראיה — אונפֿע־היג זענען זיי הויך צו הויבען, ווייט צו ברענגען.

די מלחמה איז געפֿיהרט געוואָרען מיט גענוג גיפֿט, אָבער מיט גאָר ווייניג ליידענשאַפֿט, מיט פֿערביסענהייט, אָבער אָהן אֶמת'ן פּאַפֿאָס, אָדער, אויב איהר ווילט איז יאָ געווען אַ פּאַפֿאָס, פֿון איהם האָט אָבער געטראָגען... מאַרק, האַנדעל...

*   *

*

די מלחמה דויערט.

מען האָט אָבער גאָרנישט פֿערגעסען און גאָרנישט געלערענט. אַלץ ווי געווען.

די קריטיק פֿונ'ם סאָציאַליסטישען טעריטאָריאַליזם איז איצט הויפּט־זעכליך די קריטיק פֿונ'ם צוזאַמענהאַנג צווישען עמיגראַציע און טעריטאָריאַליזם. אין דיזען פּונקט ווערען היינט געריכטעט די פֿיילען.

און טעמפּע פֿיילען.

ווייל דער אַרט קריטיקירען איז דער אַלטער, בעקאַנטער. מען קריטיקירט ניט דעם עצם פֿון דער זאַך, מען דרינגט ניט אַריין אין די בעגריפֿען און זייער צוזאַמענהאַנג, נאָר מען האָט צו טהון מיט אויסגעדראָשענע ווערטער. די קריטיק איז אַ „לאָגישע", דעם אויבען אָן פֿערנעהמט דאָ דער „שכל־הישר".

דער בעקאַנטער בונדישער „שכל הישר".

די טענות זענען:

דאָס ציעל פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם איז קאָנצענטרירען די אידישע עמיגראַציע. אין רעגולירען די עמיגראַציע שטעלט מען זיך ניט אַזוינע אויפֿגאַבען. אַלזאָ, צווישען טעריטאָריאַליזם און רעגולירען די עמיגראַציע איז ניט פֿאַרהאַן קיין צוזאַמענהאַנג.

אָדער: דער טעריטאָריאַליזם שטעלט זיך די אויפֿגאַבע — קאָנצענטרירען די אידישע עמיגראַציע. דאָס „פֿיהרען" די עמיגראַציע, „האַלוועסטאָן" איז די שפּליטערונג פֿונ'ם עמיגראַציאָנס־שטראָם. רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע און טעריטאָריאַליזם זענען סותר איינס דעם צווייטען.

ס'איז „לאָגיש". ס'פֿעלט נאָר איין קלייניגקייט... די לעבעדיגע שטאָף פֿון דער זאַך, די א י נ ע ר ע לאָגיק פֿונ'ם ענין.

מיט דער אויסערליכער, מאָגערינקער „לאָגיק" ווילען זיי די סאָציאָלאָגיע פֿערבייטען.

ס'איז ניט פּראַקטיש!

אין אֶמת'ן איז דאָך לײַכט צו פֿערשטעהן — קוים לאָזט מען זיך צום עצם פֿונ'ם ענין — איז די אונמיטעלבאַרע סאָציאַלע שטאָף פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם די עמיגרירענדע אידישע מאַסע, קענען די מויערער פֿונ'ם אידישען פֿרײַלאַנד דעם לעצטען בויען מיט ערפֿאָלג נאָר דאַן, ווען דיזע שטאָף וועט זײַ „גע־האָרכזאַם" זײַן, ווען זי וועט דורך זײַ „בעהערשט" ווערען. אָהן „הערשאַפֿט" איבער דער עמיגראַציע קען ניט געמאַכ'ט זײַן קײַן ערפֿאָלגרײַכעס טעריטאָריאַליס־טישעס שאַפֿען.

די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע איז דאָס „בעהערשען" די עמיגראַציע.

מען בעגלייט דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם אין זײַן איינגעשטעלטען גע־העָן, מען העלפֿט מיט דעם דורכלעגען פֿאַר איהם נײַע וועגען. מען בעפֿרידיגט די קאָלאָניזאַציאָנס־בעדערפֿנישע, וועלכע ס'עקזיסטירען אין דער אידישער וואַנ־דערענדער מאַסע. דורך דעם פֿערבינדט מען זיך מיט דער לעצטער אַליך ענגער, מען מאַכט זי זיך אַליך „געהאָרכזאַמער", מען „בעהערשט" זי אַליך פֿאָלקאָמער.

אויפֿ'ן באָדען פֿונ'ם בעפֿרידיגען אַלע בעדערפֿנישע פֿון דער וואַנדע־רענדער מאַסע ווערט בעשאַפֿען אַ בעשטימטער אָרגאַניזאַציאָנס־קערפּער. וואָס ברייטער ס'ווערט פֿאַנאַנדערגעוויקעלט די עמיגראַציאָנס־טעטיגקײַט, דאָס מעכ־טיגער איז דיזער קערפּער. און מיט זײַנע שטאַרקע הענד לעגט דער לעצטער דעם פֿונדאַמענט פֿונ'ם אידישען פֿרײַלאַנד.

ער מוז דיזען פֿונדאַמענט לעגען.

ווײַל אין דער רעגולירונגס־טעטיגקײַט ענטהאַלט זיך אַ בעשטימטע אינערע לאָגיק. דיזע לאָגיק ווירקט אין איין ריכטונג — זי פֿיהרט צום טעריטאָריאַליזם. —

בעגלייט מען נאָר די עמיגראַציע אויף אירע דורכגעלעגטע וועגען, מוז מען זיך באַלד אָנשטויסען אויפֿ'ן היפּוך צווישען „דאַרפֿען" עמיגרירען און „קע־נען" עמיגרירען. מען מוז באַלד קומען דערצו, אַז די עמיגראַציע מוז מען אויך זעהן „פֿיהרען", דורכלעגען פֿאַר איהר נײַע וועגען. דערצו ברענגען אויך די קאָלאָניזאַציאָנס־בעדערפֿנישע, וועלכע עקזיסטירען אין דער וואַנדערענדער מאַסע. און אין „פֿיהרען" די עמיגראַציע מוז מען קומען צו דער נויטיגקײַט פֿון קאָלאָ־ניזירען בכלל — אַז דאָס איז די ווירקליכע רעטונג. און אַ קאָלאָניזאַציע מוז זײַן אַ קאָנצענטרירטע, ווײַל דאָס איז דער וועג פֿון קלענסטען ווידערשטאַנד, דער פּראַקטישסטער וועג.

אַזוי ברענגט די אינערע לאָגיק פֿון דער פּראַקטיק גופֿא צום טעריטאָ־ריאַליזם.

און דאָס איז דער זיכערסטער וועג.

אַזוי ווערט אויף דיזען וועג בעשאַפֿען דאָס נויטיגסטע פֿאַר דער פֿערווירקליכונג פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם.

ס'איז ניט שווער צו פֿערשטעהן — בעמיהט מען זיך נאָר עס ערנסט — אַז

די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע איז אייגענטליך דער אָנהויב פֿונ'ם טעריטאָ-ריאַליסטישען שאַפֿען.

פֿאַר'ן בונדישען שכל הישר איז עס אָבער אונבעגרייפֿבאַר. ער ווייזט אויף קלאָהר, אַז „בעהערשען דאָס בעקומען אויסלענדישע פּעסער" האָט קיין שייכות ניט צום טעריטאָריאַליזם, אַז אַ „געבראַטענע סניעזשקע" איז „האַלוועסטאַן" און טעריטאָריאַליזם. וויפֿיעל ער טראַכט ניט וועגען דעם, קען ער עס אַנדערש ניט בעגעהמען.

אָרימער, שכל הישר. דאָס איז טאַקי ניט פֿאַר איהם — דאָ דאַרף מען דאָך אַרייַנדרינגען אין עצם פֿון דער זאַך.

און צו וואָס אייגענטליך זאָל ער זיך בעמיהען אַרייַנדרינגען — איז עס דען פּראַקטיש פֿאַר איהם?....

ניט אַרייַנדרינגען, ניט בעגעהמען — אַזוי איז געזינדטער.

———————

זיי זענען צופֿריעדען און פֿרעהליך די בונדישע „קריטיקער". דרייסטע אין זייער קליינליכקייט און קליינליכע אין זייער דרייסטקייט פּרובירען זיי זיך לוסטיג צו מאַכען איבער דעם, וואָס די צ. ס. „זוכען פֿיבערהאַפֿט" די נויטיגע פּראַקטישע אַרבייט, וואָס „שוין באַלד אַ יאָהר, ווי זיי (די צ. ס.) זענען ביי יעדער אַרויסטרעטונג מכריז ומודיע — מיר געהען איבער צו די טהאַט" און האַלטען די טהאַט אין איין זוכען *). נאַאיווע! אין זייער צופֿרידענהייט בעמערקען זיי ניט ווי לעכערליך זיי זענען, אין זייער פֿרעהליכקייט בעמערקען זיי ניט ווי זיי דעקען אַליין אויף די ליליפּוטען-גרוים פֿון זייערע השגות. אַ שטיק צייט „באַלד אַ יאָהר"... אַ אימה וואַרפֿט עס אויף די פֿערשידענע „איין טאָג-פּובליציסטען". באַלד אַ יאָהר, באַלד 365 טעג, 365... מיט דער צייט-מאָס פֿון דעם פֿעל-יעטאָנען-שרייבעריי שטעקען זיך דיזע העררען מעסטען דעם צייט-משך פֿאַר'ן צוטרעטען צו אַ היסטאָרישער אַרבייט...

פֿרעמד איז זיי, די בונדישע „קריטיקער", דער גרעסערער אמת, דערפֿאַר בעגעגענען זיי זיך אין גאַנצען היימיש מיט'ן געוועהנליכען, וואָכעדיגען, קליינעם אמת; פֿרעמד איז זיי די נשמה פֿון די פֿאַקטען, דערפֿאַר האַלטען זיי פֿאַר זייערם דעם פֿאַקט גופֿא. ווייַזט אויס, זיי מיינען, אַז מען קען זיך מיט איהם בעגעהן, ווי ס'פֿערגלוסט זיך. אָט, למשל, פֿער'מסרט מען פֿאַר דער „גוי'אי-שער" וועלט, אַז די צ. ס. האָבען „זאָרגפֿעליג פֿערשוויגען" זייער טעריטאָרי-אַליזם פֿאַר'ן אינטערנאַציאָנאַל **). מען ווייס געוויס, אַז די פֿאַקטען זענען דאָ

———————

*) זעה דעם אַרטיקעל: „די אַרבייטסלאָזע טעריטאָריאַל סבען" פֿון ל. ב. „ד"ר מאַרגען-שטערן" № 3

**) זעה „Наша Трибуна" אַ ניטפּער אָדיש'ר זאַמעלבוך, דעם אַרטיקעל: „די צ פּאָציאַל, צ'גאַסט און אין רערהיים"

געפּענטעט, געדרעהט אין דרייען, „נאָר דער פאַקט, דער קליינער אמת איז אין גאַנצען אונזערער. מיר זענען דאָ די הערשער, די בעלי־בתים, וואָס מיר ווילען טהוען מיר“.... *).

זיי האָבען גאָרנישט פערגעסען און גאָרנישט געלערענט.
אויסגעהאַלטענע לייט...

א. ב.

# ביבליאָגראַפיע.

## „Серпъ“, צווייטעס זאַמעלבוך.

אין דיזעס בוך איז ניט פאַרהאַן קיין מיטעלפונקט, קיין הויפּט־אַרטיקעל—בעדייטענדסטער און טאַקי באמת בעדייטענדער. מען קען דעריבער געבען זיין איבערבליק, אָנהויבענדיג פון ערשטען אַר־טיקעל, געהענדיג כסדר.

דער ערשטער אַרטיקעל איז — „די עוואָלוציע פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישען געדאַנק אין רוסישען יודענטום“, פון מ. ב. ראַטנער; און פון איהם וועלען מיר אויך אָנהויבען.

וואָס פאַר אַן'אויפגאַבע איז געשטאַנען פאַר'ן ה' ראַטנער? — קלאָר, אַז ער האָט בעדאַרפט אויפדעקען די אינערע לאָגיק פון דער ענטוויקלונג פונ'ם אידישען געדאַנק — פון אַסימילאַציע צום נאַציאָנאַליזם, פּינקטליכער — טעריטאָריאַליזם. ער האָט בעדאַרפט בעווייזען די אינערע נויטווענדיגקייט אין דיזער ענטוויקלונג; דערביי האָט ער אויך בעדאַרפט אָנצייכענען די צוויי פאַסען, שטרעמונגען אין דיזער ענטוויקלונג, די פאַסען, וועלכע בעגעגענען זיך אָפטמאָל, ברעכען זיך זאָגאַר איבער, וועלכע עקזיסטירען דאָך אויף דער גאַנצער לענג פון דיזער עוואָלוציע — די סאָציאַליסטישע שטרעמונג און די בורזשואַזע. ה' ראַטנער האָט אָבער זיין אויפגאַבע ניט ערפילט. אויף גאַנצע 62 זייטען דער־צעהלט ער אונז וועגען דעם, אַז אין די 60 יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָט צווישען אידען געהערשט אַן'עכטע אַסימילאַציע, אַז אָרשאַנסקי איז געוועזען אַן'אויסגעשפּראָכענער אַסימילאַטאָר, אַז די „נאַראָדניטשעסטוואָ“ נאָך איהר עצם נאָך האָט געמוזט אָבריסען דעם אידישען סאָציאַליסט פון אידישען פאָלק, אַז די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָהרען האָבען געווירקט נאַציאָנאַליזירענד, אַז די „נאַראָדאָוואָלצעס“ האָבען ניט בעגריפען דעם אמת'ן רעאַקציאָנערען כאַראַקטער פון דער פּאָגראָם־בעוועגונג, נאָר בעטראַכט זי אַלס פאָלקס־בעוועגונג, בעוועגונג פון די „געררעכטיג־אונצופרידענע“,

---

*) אגב אורחה. דער בונדישער קאָרעספּאָנדענט פון שטוטגאַרט, איינער ה' נעלין, איז אַמאָל געצוואונגען געוועזען צו פערשפּרעכען ברענגען אין דער בונדישער פּרעסע דעם אויסצוג פון די פּראָטאָקאָלען פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען ביוראָ, וואָס האָט בעדאַרפט בעשטעטיגען זיין פאַקט, אַז די צ. ס. א. פ. איז אויפגענומען געוואָרען אין אינטערנאַציאָנאַל מיט 8 געגען 7 שטימען און ניט מיט 9 געגען 7, ווי ס'האָבען איבערגעגעבען די צ. ס.־ישע פערטרעטער. ער האָט זיין הבטחה ביז איצט ניט ערפילט. האָט ער זי פערגעסען?

א. ב.

„אַקטיוו-פּראָטעסטירענדע״; ווײַטער געהט וועגען די ערשטע אויסערונגען פון׳ם אידישען סאָציאַליזם, דערנאָך וועגען בונד, ס׳פעהלט, געוועהנליך, ניט אַ ביסעל מוסר דער בעקאַנטער בונדישער „נייטראַליטעט״, הערצעל בעקומט אויך זיין חלק פאַר׳ן האָפען אויף די „הויכגעשטעלטע פּערזאָנען״; מיר האָבען דאָ וועגען אינערען קריזיס, וואָס דער ציוניזם האָט איבערגעלעבט, וועגען דער ענטשטעהונג פון דער צ. ס. אַ. פּ., פון דער י. ס. אַ. פּ.; ס׳איז דערמאָנט העלסינגפאָרס, די דערגרייכער און אַז. וו. אַליץ איז פּאַררעגיסטרירט, אָבער נאָר פּאַררעגיסטרירט. — דעם לעבעדיגען צוזאַמענהאַנג צווישען דעם אַלעם האָבען מיר דאָ פאַר זיך ניט, די רינגען זענען ניט געשלאָסען, „דאָס אינערע״, מיר וואָלטען געזאָגט — די נשמה פון דיזער שטיק געשיכטע איז פאַר אונז געבליבען ניט אויפגעדעקט. דאָס איז דעריבער ניט קיין וויסענשאַפטליכע פאָרשונג. קיין לעבעדיגעס בילד איז עס אָבער אויך ניט. ס׳פעהלען די לעבעדיגע שילדערונגען, ס׳איז פאַרבלאָז, גרוי, לאַנגווײַליג. ס׳שמעקט מיט פּראָטאָקאָל...

ה׳ זשיטלאָווסקי׳ס אַרטיקעל — „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ איז לעבעדיגער, טאַלאַנטפאָלער, אינטערעסאַנטער. דאָך... ערטערווייז איז ער שוין צו פּאָפּולער, זאָגאַר צו עלעמענטאַר. און דער מעטאָד פון אַבסטראַהירען, מיט וועלכען ה׳ זשיטלאָווסקי בענוצט זיך אין זיינע בעווייזען, בראַנגט איהם — דיזער מעטאָד איז אין דעם ניט אינגאַנצען שולדיג — צו גאַנץ נאַאיווע אויספיהרען. זיין ניט גאָר קלאָר אויסגעדריקטער, אָבער דאָך פאַרהאַנענער הויפּט-טעזיס — אַז דעם עצם, דעם אינהאַלט פון נאַציאָנאַלען קאַמפּף, נאַציאָנאַלער בעוועגונג בילדעט „דאָס נאַציאָנאַלע״, אָבער ניט „דאָס עקאָנאָמישע״ — דיזער טעזיס איז געבליבען ניט דערוויזען. אין אַרטיקעל זענען פאַרהאַן אויך איינינע מיספערשטענדניסע.

איינע פון די לעצטע וועלען מיר גלייך פון אָנהויב אָבצייכענען.

ה׳ זשיטלאָווסקי פאַנגט אָן דערפון, אַז כמעט אַלע טעאָרעטישע געביידען פון היינטיגען אידישען מאַרקסיזם זענען געשטרויכעלט אויף דאָסזעלבע, אויף וואָס דער מאַרקסיזם בכלל איז געשטרויכעלט, — דער מאַרקסיזם האָט ניט דערשאַצט די ווירקונג פון נאַציאָנאַלען פאַקטאָר אין דער געשיכטע. „אין זיין שטרעבען אַליץ צו ברענגען צו דער „עקאָנאָמיק״ און דעם פון איהר שטאַמענדען קלאַסענקאַמפּף, האָט דער מאַרקסיזם זיך געמוזט פּרובען אַרויספיהרען אויך די נאַציאָנאַלע בעוועגונגען... פון די זעלבע עקאָנאָמישע יסודות פון׳ם קלאַסענקאַמפּף (ז. 63). און ה׳ זשיטלאָווסקי ערקלערט, אַז ווי „דער מעטאָד, אַזוי די רעזולטאַטען, וואָס האָבען זיך דערביי בעקומען, זענען איינזייטיג, אַז „זיי (די מאַרקסיסטען א.) איז ניט געלונגען צו ברענגען דעם נאַציאָנאַלען עלעמענט פון דער בעוועגונג צום עקאָנאָמישען״... (ז. 63).

ס׳בעקומט זיך, אַלזאָ, אַז „כמעט טעאָרעטישע געביידען פון אידישען מאַרקסיזם האָבען זיך בעמיהט אַראָבצופיהרען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג צום קלאַסענקאַמפּף״. דאָס איז ניט ריכטיג. די אידישע מאַרקסיסטען, וואָס האָבען געהאַט צו טהון מיט נאַציאָנאַלער בעוועגונג, האָבען זיך עס קיינמאָל ניט בעמיהט. זיי האָבען גערעדט וועגען נאַציאָנאַלען קאַמפּף, נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, נאַציאָנאַלער בעוועגונג פאַר זיך און וועגען קלאַסענקאַמפּף בעזונדער. אמת, זיי האָבען געזוכט אויפצודעקען די עקאָנאָמישע יסודות פון דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, נאַציאָנאַלען שטרייט. אָבער אויפדעקען דיזע יסודות — הייסט דען אַראָבפיהרען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג צום קלאַסענקאַמפּף?

די נאַציע איז קודם כל אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישע איינהייט, דער קאַמפּף צווישען די נאַציעס

# דער שטראַהל.

ווערט הויפּטזעכליך געפיהרט אויפ'ן באָדען פון פערשידענע סאָציאַל-עקאָנאָמישע אינטערעסען — אַזוי האָבען גערעדט וועגען דעם די אידישע מאַרקסיסטען.

דאָס איז פערבײַגעהענדיג.

ה' זשיטלאָווסקי בעמיהט זיך אינ'ם ווײַטערען צו דערווײַזען, און דאָס איז נאָך אונזער מײַנונג דער שווערפּונקט פון זײַן אַרטיקעל — אַז „דער עקאָנאָמישער קאַמפף איז די אויסערע פאָרם, אין וועלכער ס'גיסט זיך אויס די נאַציאָנאַלע געגענזעצע פון צוויי נאַציאָנאַלע גרופּען". דערווײַזען דערווײַזט ער עס אויף אַזאַ אופן: ער אַבסטראַהירט אין דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג „דעם נאַציאָנאַלען עלעמענט" — ס'בעקומט זיך אַ תּהו ובֿהו, אַ סאָציאָלאָגישער נאָנסענס. ער ברענגט אַרײַן דיזען נאַציאָנאַלען מאָמענט — אַלץ ווערט קלאָר. פערשטעהט זיך — ניטאָ קײַן נאַציע, איז ניט פאַרהאַן קײַן נאַציאָנאַלער קאַמפף.

דיזע בעווײַזען זענען אָבער ניט איבערצײַגענד — און פּשוט דערפאַר, ווײַל מען קען זיי אויך איבערדרעהען אויף צוריק. ס'איז פאַרהאַן אַ נאַציע. ס'עקזיסטירען אָבער ניט קײַן בעזונדערע עקאָנאָמישע אינטערעסען. וואָס בלײַבט דאַן פון היינטיגען נאַציאָנאַלען קאַמפף? — אונז שײַנט, אַז גאָרניִשט -- ס'פערשווינדעט זײַן באָדען.

דער „נאַציאָנאַלער עלעמענט" איז די נויטיגע זעלבסטפערשטענדליכע פּראָוויזאָציע, בעדינגונג פון נאַציאָנאַלען קאַמפף; דער „עקאָנאָמישער עלעמענט" איז די טרײַבענדע קראַפט, די סיבה פון דיזען קאַמפף. מיט מעהר רעכט אַלס „פאָרם" קען מען דעריבער דעם „עקאָנאָמישען עלעמענט" בעצייכענען אַלס „אינהאַלט" פון נאַציאָנאַלען קאַמפף.

צווישען פרעגט ה' זשיטלאָווסקי: וואָס וועט בלײַבען פון דער ריין-עקאָנאָמישער בעגרינדונג פון דער אידישער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג, וואָס האַלט זיך אויף דעם פאַקט, אַז אין די גלות-לענדער קענען די אידען זיך ניט פּראָלעטאַריזירען, ווען פון דיזען פאַקט זאָל מען אין אמת'ן און ראַדיקאַל אָבקראַצען אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צום נאַציאָנאַלען ענין?" (ז. 71) און ער קומט דערצו, אַז „די אויפגאַבע פון אידישען פאָלק און הײַנט עס אויך פון אידישען פּראָלעטאַריאַט" דאַרף אין דיזען כּלל זײַן: „שאַפען זיך די מעגליכקײַט פאַר'ן צושפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען ערד-קוגעל, אַז ס'זאָל אויסקומען צו איין איד אויף אַ מיליאַרד, צו איינעם אויף אַ הונדערט טויזענד" (ז. 76).

אויף דיזע בעמערקונגען זענען פאַר אונז ניט איבערצײַגענד. די „ריין-עקאָנאָמישע בעגרינדונג" פון'ם פּראָלעטאַרישען טעריטאָריאַליזם האַלט, אַז ווען קײַן אידישע וואַנדערונג וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט קײַן באָדען דער טעריטאָריאַליזם ניט פערמאָגט; אַז די עמיגראַציע טראָגט דאָס אידישע לעבען הויפּטזעכליך דערפאַר, ווײַל די אידישע מאַסען ווערען געשטויסען פון ווירטשאַפטליכען לעבען. דערבײַ אָפּערירט ניט דיזע אויספאַסונג פון'ם טעריטאָריאַליזם אויף די המצאות פון'ם „געזונדען" שׂכל הישר, זי בעמיהט זיך צו אונטערזוכען די ווירקליכקײַט אין איהר ענטוויקלונג. און די ווירקליכקײַט מיט איהרע „אײַזערנע" טענדענצען און געזעצען איז אַזאַ — די אידישע מאַסען, וואָס זענען צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין נאַציאָנאַלען קערפּער, ווערען צוזאַמען געשטויסען, עמיגרירען צוזאַמען — און אַ דאַנק דער ענטוויקלונג פון די היפּוכים, וואָס ענטהאַלטען זיך אין דער עמיגראַציע, מוזען זיי צוזאַמען היסטאָריש שאַפען אַ אידישעס פרײַלאַנד. על פּי שׂכל קען מען אפשר קומען דערצו, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען אידען זאָלען זיך צושטויבען, אָבער . . . שׂכל הישר און די ווירקליכקײַט מיט איהרע געזעצען געהען ניט שטענדיג האַנד בײַ האַנד.

# דער שטראַהל.

מיר קענען זיך דאָ ניט זאַבשטעלען אויף דער עוואָלוציע פונ'ם מאַרקסיזם ביז צום אַנערקענען דעם „נאַציאָנאַלען פאַקטאָר", ווי זי שטעלט פאָר ה' זשיטלאָווסקי. מיר ווילען נאָר בעמערקען, אַז די „סאָציאַלע זיטען" (דרייסטהייט, טרייהייט און ז. וו.) פיהרט קויטסקי צוזאַמען מיט די דאַרוויניסטען אַרויס פון „די בעדינגונגען פונ'ם סאָציאַלען לעבען פון די חיות, ניט נאָר אין זיין ניט גאָר לאַנג ערשינענעם בוך „עטיק און היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", דיזע אַנשויאונגען האָט ער ענטוויקעלט נאָך מיט אַ סך יאָהרען צוריק אין זיינע אַרטיקלען וועגען די סאָציאַלע אינסטינקטען ביי די חיות און ביי די ווילדע פעלקער. דאָס איז, אַלזאָ, ניט קיין דנהה דעם „עטישען אידעאַליזם", וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרען אין דער לעצטער צייט. דאָס איז כלל ניט קיין „עטישער אידעאַליזם". דאָס איז מאַרקסיסטישע עטיק. זי געפינט זיך אין פאָלקאָמען הסכם מיט'ן גייסט פונ'ם מאַרקסיזם. — די זיטליכקייט איז אַ פּראָדוקט פונ'ם געמיינזאַמען לעבען, דער יסוד פונ'ם לעצטען איז די געמיינזאַמע ווירטשאַפט.

און ווייטער. ווען קויטסקי רעדט וועגען „וועזען פון די שכנים", אַז דער לעצטער ווירקט אויף דער ווירטשאַפט פונ'ם געגעבענעם פאָלק, פיהרט ער דאָ ניט אַריין דעם „נאַציאָנאַלען עלעמענט", וועלכען ס'האָט אין זינען ה' זשיטלאָווסקי. פאַר איהם איז עס אַ ווירקליך מאַטעריעלער מאָמענט. דער וועזען פון די שכנים — דאָס איז פאַר איהם אין לעצטען סך־הכל — ווי און וואָס פּראָדוצירען די שכנים", — אָט דאָס ווירקט עס אויף דער ענטוויקלונג פון דיזער געגעבענער נאַציע, ווירקענדיג אויף דער ענטוויקלונג פון איהרע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען. און מאַרקס האָט ניט אומזיסט געלערנט, אַז „די פּראָדוקציאָנס־קרעפטען זענען דער בעשטימענדער מאָמענט אין דער ג אַ נ צ ע ר ענטוויקלונג פון דער נאַציע", גאָר ניט אומזיסט.

מיר געהען איבער צום דריטען אַרטיקעל מיט דער קעפּיל — „די נאַציאָנאַלע שטריכען פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט" פון ה' יאַנין.

„דיזער געביעט איז בעזונדערס רייך מיט אונקלאָרהייטען, צווישען וועלכע עס רוהט זיך דער נאַאיוו־זאָרגלאָזער בעל־הבית'שער געדאַנק פון בונד און וועבט איהרע פאַנטאַסטישע קווייטען די ספּעציפיש האַלב־פערשלאָפענע לאָגיק פון די צ. ס. דעם אידישען אַרבייטער (דאָ האָבען זיך בעזונדערס בעמיהט די צ. ס.) האָט מען געשפּייזט מיט אַזוינע אַנשויאונגען, וואָס האָבען קיין שייכות ניט צו אַ וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, וועלכע קענען איהם אַם ווענינסטען אונטערהאַלטען אין זיין רעוואָלוציאָנערען־ און־ קלאַסענקאַמפף" (ז. 83).

אינטערעסאַנט. מיר לעזען מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט. מיר ערוואַרטען. אָט זענען מיר שוין ביים סוף. אַלזאָ, „וועגען די נאַציאָנאַלע שטריכען פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט"? וואו זשע זענען זיי פאָרט די דאָזיגע שטריכען? צי דען האָבען מיר זיי פערזעהן?..

„די בורזשואַזיע פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע איז פעראינטערעסירט אין אָבצאַמען איהר נאַציאָנאַלען מאַרק און מעגליכען פערשטאַרקען איהרע פּאָזיציעס אויף דעם חשבון פון אַלע איבעריגע" (ז. 98). „די נאַציאָנאַל־שוואַכערע בורזשואַזיע שטרעבט דיזען מאַרק צו מאָנאָפּאָליזירען, אַלס ערי־מקלט פון דער פערביסענער קאָנקורענץ און איזאָלירונג"... (ז. 102). דער אַרבייטערקלאַס שטרעבט צו „בעשיצען זיין אַרביטס־מאַרק, כדי פון אויסען זאָל מען ניט אַריינדרינגען"... (ז. 110). „דער אַרבייטערקלאַס פון דער אונטערדריקטער נאַציע זעהט זיך, נאַטירליך, מיט צווייענדיגע פעדים פערבינדען מיט זיין נאַציאָנאַלען אַרבייטער־מאַרק"... (ז. 113). צווישען דער אַרבייט און דעם קאַפּיטאַל — דיזע צוויי מעכטיגע פאַקטאָרען פון דער פּראָדוקציאָן—

# דער שטראַהל.

פערבינדט זיך אַנ'איינגער קניפּעל אין די ראַמען פון דער נאַציע... דיזער פערבאַנד כאַראַקטעריזירט די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט אין נאַציאָנאַלען שטאַאַט" (ז. 114).

דאָס איז די תורה. וועניג ליכט!

ווייטער געהען נאָך גרויערע אמת'ען וועגען די קאָסמאָפּאָליטישע טענדענצען אין דער פּראָדוקציאָן, וועגען וועלט-מאַרק, וועגען קאַמפף צווישען די נאַציאָנאַל-פערשידענע טיילען פון דער בורזשואַזיע, וועגען אַרבייטער-עמיגראַציע און אַז. וו. און מיר מוזען זאָגען, אַז אויף די צ.-ס.'שע קרייזלעך האָט מען אין די אַלטע יאָהרען דיזען ענין אַ סך ערנסטער בעהאַנדעלט.

אגב אורחא וועלען מיר שוין בעמערקען, אַז דעם „זאָרגפולען" „ניט בעלי-בת'ישען" געדאַנק, דער „ספּעציפיש-טהעטיגער" לאָגיק פון ה' יאַנין וואָלט ניט געשאַדט צו בעמערקען, אַז די קאָנקרעטע פערבינדונג צווישען דער קאָנקרעטער אַרבייט און קאָנקרעטען קאַפּיטאַל — די פערבינדונג צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, — דער איינציגער שטריך, אויף וועלכען ער האָט אָנגעוויזען, אַלס כאַראַקטעריזירענדען די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, כאַראַקטעריזירט גיכער דעם טרעגער פון דער לעצטער, די נאַציע, אַלס דיזע ווירטשאַפט. און ה' יאַנין האָט זיך דאָך גענומען „בעלייכטען" די נאַציאָנאַלע שטריכען פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט!

נאָר... ס'איז גענוג איבערצולעזען איינינע זייטען פון אַרטיקעל, כדי צו בעמערקען, אַז דאָ האָבען מיר צו טהון ניט מיט טעאָריע, נאָר מיט „אַגיטאַציע". דער בורזשואַזיע איז ה' יאַנין אַ דם שונא — דאָס ווערט גלייך קלאָר. ס'איז אויך בעמערקבאַר, אַז ער, ה' יאַנין, איז אַ גאַנץ פיקסער יונג, אַז ווערטער פעהלען איהם ניט, ווען ס'פעהלען איהם בעגריפען. ס'קנאַקט... און ער בעגייסטערט זיך אַליין מיט זיין קנאַקענדיגען ווערטער-פאַל, און ער קלייבט אַליין נחת, און ער איז אַליין צופרידען...

אין פאָלגענדען אַרטיקעל פערטיידיגט ה' בן-אַדיר די „נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע" און די נויטיגקייט פון דעם נאַציאָנאַל-פּאָליטישען סיימיזם פאַר רוסלאַנד. ער פּאָלעמיזירט הויפּטזעכליך מיט ה' פּאַסמאַניק'ען פון „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" און ה' הייליקמאַן פון „נאַשע סלאָוואָ".

אַז די שטאַרקערע נאַציעס „עקספּלואַטירען" די שוואַכערע, אַז דאָס אידישע פאָלק ווערט „עקספּלואַטירט" זייט יאָהר-טויזענדע — וועגען דעם פיהרט מען היינט שוין קיין וכוחים ניט — ס'איז קלאָר. מען דאַרף נאָר האָבען אין זינען, אַז דאָס וואָרט עקספּלואַטאַציע ווערט דאָ געוועהנליך געברויכט אין זיין ברייטער, געהענדער בעדייטונג. וועגען וואָס ושע איז דען וכוח? — צי קען מען שאַפען אַ טעאָריע וועגען דער נאַציאָנאַלער עקספּלואַטאַציע, ברויכענדיג דאָס וואָרט אין זיין וויסענשאַפטליכער בעדייטונג, אין דער בעדייטונג, וואָס ער האָט אין דער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמיע.

דאָס האָט זיך דער ה' בן-אַדיר, משמעות, ניט גענוג קלאָר געמאַכט, ווייל אַרגומענטירענדיג, פרעגט ער: ווי אַנדערש, אויב ניט עקספּלואַטאַציע, וועט איהר אָנרופען די טריבוט, וועלכע די בעזיעגטע פעלקער פלעגען געוועהנליך אַריינטראָגען די פעלקער-זיעגער? אָדער די היינטיגע קאָלאָניאַל-פּאָליטיק? ה' בן-אַדיר נעהמט דאָ אויף זיך די ניט-דאַנקבאַרע אויפגאַבע — פערטיידיגען די „בעלי בית'ישע" טערמינאָלאָגיע. אומזיסט טרחה.

יעדעס „קאַפּיטאַל" איז אייגענטום, ניט יעדעס אייגענטום איז אָבער „קאַפּיטאַל"; יעדע „עקספּלואַטאַציע" איז אפשר רויב, ניט יעדער רויב איז אָבער עקספּלואַטאַציע. — דאָס איז גענוג עלעמענטאַר, מען זאָל וועגען דעם רעדען.

# דער שטראַהל.

נאָר לאָמיר זיך צוקוקען צו זיין אַלגעמיינער אַרגומענטירונג.

דער מיטגליעד פון אַ נאַציאָנאַל-שוואַכען קאָלעקטיוו פערנעהמט אַנ'ערגערע פּאָזיציע אין סאָציאַלען שטרייט, אַלס אַ מיטגליעד פון אַ נאַציאָנאַל-שטאַרקערען קאָלעקטיוו. איהם קומט אויס דעריבער זיך אינדיווידועל אָנצושטרענגען, ער דאַרף פון זיך צוגעבען, וואָס ס'גיט איהם ניט זיין נאַציע. „אַ איד, כדי ער זאָל דערגרייכען דיזעלבע רעזולטאַטען, וואָס אַ ניט-איד, דאַרף אויסערען איבעריגע ענערגיע, וועלכע ס'געהט אויף בייקומען דעם ווידערשטאַנד, וועלכען ער בעגעגענט אין דער געזעלשאַפט אַ דאַנק זיין געהערען צו אַ בעזונדערען פרעמדען און דערצו סאָציאַל-שוואַכערען נאַציאָנאַלען קאָלעקטיוו (ז. 123). פרעגט זיך, וואו קומט אַהין דיזע ענערגיע—געהט זי בכלל פערפאַלען, אָדער זי קומט וועמען אָן, נו, דער שטאַרקערער נאַציע? ה' בן-אַדיר ענטפערט דערויף קאַטעגאָריש: „אַ אידישער אַרבייטער דאַרף זיין אַ בעסערער אַרבייטער, אַ אידישער אינזשינער—אַ פאָלקאָמענערער אינזשינער“... און אַז. וו. פון דיזער „בעסערקייט“ געניסט נאָר די שטאַרקערע נאַציע. דער לעצטער קומט זי אָן.

אין דיזע בעווייזען איז אָנגענומען אַ אונבעוואוסטע פאַר בעוואוסטע, דערוויזענע, דעריבער איז דער גאַנצער לאָגישער בנין אַרויסגעקומען אַ צווייפעלהאַפטער. פאַר ה' בן-אַדיר איז ווי זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער „נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד“ ווערט איבערגעוואונדען דורך אַ געוויסער איכות'דיגער גרויס, פּאָזיטיווער, וועלכע קומט אומזיסט אָן דער שטאַרקערער נאַציע. קלאָר איז עס אָבער נאָר פאַר ה' בן-אַדיר, בכלל איז עס גאָר ניט אַזוי קלאָר. פאַר וואָס זיך ניט פאָרשטעלען, פאַר וואָס ניט אָננעהמען — דאָס האָט ניט קיין קלענערען גרונד — אַז דער דערמאָנטער ווידערשטאַנד ווערט איבערגעוואונטען דורך הכנעה, לאָיאַליטעט און ד. גל. אָדער דורכ'ן אַראָבקראַצען פון זיך אַלע אייגענע נאַציאָנאַלע סמנים און אויפנעהמען די פרעמדע אייגענשאַפטען, דורכ'ן בעקאַנטען „צופאַסען זיך“? דאָס לעצטע בעגעגענען מיר דאָך טאַקי דאָס רוב אין אונזער לעבען. וואו זשע איז אין דיזען פאַל דער נאַציאָנאַלער מעהר-ווערטה, די נאַציאָנאַלע עקספּלואַטאַציע? —

ניט איבערצייגט האָט אונז אויך די סטאַטיסטיק, וואָס ה' בן-אַדיר האָט געבראַכט, כדי דערווייזען, אַז טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע וואָלט אין רוסלאַנד אָפען געלאָזען די נאַציאָנאַלע פראַגע, ווייל אין אַ זעהר גרויסער צאָהל גובערניעס וואָלטען געבליבען נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, פערשטעהט זיך, ניט בעפריעדיגטע. כדי צו דערווייזען, אַז טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע טויג ניט, שטיצט זיך ה' בן-אַדיר אויף דער איצטיגער אַדמיניסטראַטיווער צוטיילונג פון רוסלאַנד. נאָר ווער ווייס ניט, אַז דיזע איינטיילונג איז ניט קיין ראַציאָנאַלע? די שטיצע איז אויף אַזאַ אופן גאָר ניט קיין זיכערע. פערגעסט אָן די איצטיגע גובערניעס, שטעלט זיך אויף דעם נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלען פּרינציפּ און טיילט, דאַן וועלען אפשר 9 צעהנטלעך פון דער בעפעלקערונג זיכערליך בלייבען בעפריעדיגט.

אויף ה' באַזינ'ס אַרטיקעל — „די פאָדערונגען פון מאָמענט און די אויפגאַבען פונ'ם אידישען פראָלעטאַריאַט“ וועלען מיר זיך ניט אָבשטעלען. אין די אַלגעמיינע בעמערקונגען איז ער גאַנץ באַנאַל. ספּעציעל וועגען די אויפגאַבען פון אידישען פראָלעטאַריאַט רעדט זיך הויפּטזעכליך וועגען דער נויטיגקייט צו בעטייליגען זיך אין געמיינדע-לעבען. וואָס מען זאָל דאָרט טהון, פאַר וואָס קעמפּפען — וועגען דעם איז ווייניג וואָס געזאָגט. אַ בעדייטענדעס אָרט פערנעהמט די בעשרייבונג — ווי די יורידישע לאַגע פון דער געמיינדע איז געווען, ווי זי האָט

# דעָר שטראַהל.

נאָךְ. וועָגעָן דעָם ווירקליִכעָן, היַינטיִגעָן כאַראַקטעָר פוּן דעָר געָמיַינדעָ – וועָגעָן עיִקר, אַייגעָנטליִךְ – וועָגעָן דעָם געָפיִנט, משמעות, פאַר איִבעָריִג צוּ רעַדעָן ה׳ באַזיִן.

איִן ה׳ לאָזינסקיִ׳ס אַרטיִקעָל וועָגעָן דיִ עָסטריַיכיִשעָ פאַרלאַמעָנט-וואַהלעָן, זעָנעָן פאַרהאַן אַייניִגעָ איִנטעָרעָסאַנטעָ ידיִעות וועָגעָן דעָם, וויִ ס׳זעָנעָן איִצט געָבויט דיִ וואַהל-קריַיזעָן איִן עָסטריַיךְ. איִן אַלגעָמיַין איִז עָס אָבעָר אַ פעָרעָלטעָרטעָר אַרטיִקעָל.

איִן זאַמעָלבוּךְ זעָנעָן נאָךְ פאַרהאַן אַרטיִקלעָן וועָגעָן דעָם פּראָיעָקט פוּן פּוילישעָר אויטאָנאָמיִע, וואָס דעָר פּויליִשעָר קאָלאָ פוּן דעָר צווייַטעָר דומעָ האָט אויסגעָאַרבּיַיט., וועָגעָן „פּראָפּעָס. בעָוועָגוּנג און נאַציאָנאַלעָר פראַגעָ איִן עָסטריַיךְ“, „וועָגעָן שטוּטגאַרטעָר קאָנגרעָס“, „פוּן לעָבּעָן און ליִטעָראַטוּר“ און אַ ריַיכעָ כראָניִק און ביִבּליִאָגראַפיִעָ. אַייניִגעָ פוּן דיִזעָ אַרטיִקלעָן זעָנעָן מעָהר אָדעָר וועָניִגעָר איִנטעָרעָסאַנט, אַנדעָרעָ–צוּם בּיַישפּיִעל, „פוּן לעָבּעָן און ליִטעָראַטוּר“ ה׳ באָריִסאָוו׳ס – נאָר גרוֹי און עָלעָמעָנטאַר.

מיִר דאַרפעָן נאָךְ אָבּצייַכעָנעָן אַנ׳אַרטיִקעָל איִן אָבּטיַילוּנג כראָניִקעָ און ביִבּליִאָגראַפּיִעָ פוּן ה. יאַניִן, וועָלכעָר היַיסט: „דיִ סטאַטיִסטיִשעָ איִבּוּנגעָן פוּן ה׳ לעָשצינסקיִ, „קריִטיִשעָ בּעָמעָרקוּנגעָן וועָגעָן איִדיִשעָן אַרבּיַיטעָר איִן רוּסלאַנד“ פוּן יעקב לעָשצינסקיִ. וועָגעָן דיִזעָן אַרטיִקעָל האָפּעָן מיִר, וועָט זיַין בּעָזוּנדעָר גערעָדט איִן אַיינעָם פוּן דיִ קוּנפטיִגעָ נוּמעָרעָן „שטראַהל“.

מיִר וויִלעָן נאָךְ מאַכעָן אַ פּאָר בּעָמעָרקוּנגעָן.

איִן דעָר כראָניִק איִז איִבּעָרגעָדרוּקט דעָר בּעָריִכט פוּן דעָר סיִימיִסטיִשעָר דעָלעָגאַציִעָ איִן שטוּטגאַרט. דאָרט ליַיעָנעָן מיִר: „ס׳איִז געָוועָן אַ מאָמעָנט, ווען דיִ צ. ס. דעָלעָגאַציִעָ האָט זיִךְ געָפוּנעָן איִן אַ פּעָרלעָגעָנהיַיט. דיִ פעָרטרעָטעָר פוּן צ. ס. האָבּעָן אונז פאָרגעָלעָגט, אַז איִן דעָם פאַל (ווען זייִ בּליַיבּעָן אויסעָר בּיידעָ דעָלעָגאַציעָס), זאָלעָן מיִר מסכּיִם זיַין זייִ אַריַינצוּנעָהמעָן איִן אונזעָר דעָלעָגאַציִעָ מיִט בּעָראַטוּנגס-שטיִמרעָכט“. דאָס איִז שוין געָוועָן אָבּגעָלייִקעָנט דוּרךְ ה. ד–וויִטש איִן „אונזעָר וועָג“. ניִט געָשטוֹיגעָן, ניִט געָפלוֹיגעָן – האָט עָר קאַטעָגאָריִש עָרקלעָרט. און דיִ אַרויסגעָבּעָר פוּן „סעָרפּ“ האָבּעָן דאָךְ געָפוּנעָן פאַר איִבּעָריִג אַרויסצוּלאָזעָן דיִ לעָכעָרליִךְ-פאַלשעָ שטעָלעָ, אָדעָר מאַכעָן אַ פּאַסעָנדעָ בּעָמעָרקוּנג.

אַזוֹי שריַיבּט מעָן געָשיִכטעָ.

און נאָךְ וויִ מעָן שריַיבּט געָשיִכטעָ. אַייניִגעָ שטעָלעָן פוּן בּעָריִכט צוּם קאָנגרעָס וועָגעָן זייעָר טהעָטיִגקיַיט: „אויף אַיין דרום און דרומיִת-מערבֿית האָבּעָן אונטעָר אונזעָר אָנפיִהרוּנג געָשטריַיקט ניִט וועָניִגעָר פוּן 50 טויזעָנד אַרבּיַיטעָר“ „איִן ליִטאָ האָבּעָן מיִניִמוּם 10 טויזעָנד אַרבּיַיטעָר פוּן פעָרשיִדעָנעָ פאַכעָן געָשטריַיקט אונטעָר דעָר אָנפיִהרוּנג פוּן אונזעָרעָ אָרגאַניִזאַציִעָס“. „איִן וויִלנאָ האָבּעָן מיִר אָרגאַניִזיִרט אַ זעָלבּסט-פעָרטייִדיִגוּנג, איִן וועָלכעָר ס׳האָט זיִךְ געָרעָכעָנט 3000 אונפּאַרטייִאיִשעָ יוּנגעָ ליַיט (איִדעָן)“, אונזעָרעָ קרבּנות זעָנעָן–„אַרוּם 100 דעָרהרג׳עָטעָ, אַרוּם 500 פעָרוואוּנדעָטעָ, אַרוּם 1000 פעָרשיִקטעָ און פעָראַרעָסטיִרטעָ“...

דיִ פאַנטאַזיִע טראָגט...

דעָר גייַסט פוּן דעָר בּוּנדיִשעָר אַריִפמעָטיִק איִז, משמעות, קלעָפּיִג...

איִן אַלגעָמיַין איִז דעָר וועָרט פוּן בּוּךְ פאַר „אונז“ ניִט קיַין גרויסעָר. פאַר אונז איִז עָר ניִט געָנוּג איִנטעָרעָסאַנט, דעָרהויפּט, ווען מיִר האָבּעָן איִן זיִנעָן זיַין גרוֹיס – איִבּעָר 400 זייַטעָן. פאַר „זייִ“, דיִ עוּמות העולם, האָט עָר אַ גרעָסעָרעָן וועָרט. „זייִ“ וועָט עָר אפשר וואָס געָבּעָן. און אונז שייַנט, אַז דיִ שריַיבּעָר פוּן זאַמעָלבּוּךְ האָבּעָן געָהאַט איִן

זינגען הויפטזעכליך „ווי“. מיט דעם ערקלערען מיר דאָס, וואָס ה׳ ראַטנער האָט זיך אַזוי גענוי אָבגעשטעלט אויף דער בעציהונג פון די נאַראָדאָוואָלצעס צו די אידישע פּאָגראָמען, ווײַטען פון ה׳ זשיטלאָווסקי׳ס אַרטיקעל, זאָגאַר ה׳ באַסין׳ס אַרטיקעל—דערהויפּט אין זײַן ערשטען טייל. וועגען דער כּראָניק איז, פערשטעהט זיך, שוין ניטאָ וואָס צו רעדען.

„מיר“ ווייסען דאָך.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבען גוט. נאָר דער שער מיט׳ן אומגעלומפּערטען „סערפּ“, מיט די קאַראַקולעס, אַלס אינהאַלט־פערצייכניס איז ניט שען. דער פּרייז 1 ר. איז פאַר „ווי“ געווים ניט קיין הויכער.

## בריעף צו אַ פֿריינד. ש. נאָרעליק.

דעם ה׳ נאָרעליק האָט זײַנער אַ פרײַנד, אַ יודישער שרײַבער, געבראַכט אַ בשורה טובה: „אַך מײַן פרײַנד, מײַן פרײַנד, אין די קליינע פּראָווינצען, אין קעדאַן, אין סעמיאַטיץ, האָפּט מען אויף אונז, אידישע שרײַבער, מען וואַרט, מיר זאָלען עפּעס זאָגען“... און דער ה׳ נאָרעליק האָט זיך אונטערגעאײַלט און מזכּה געווען דעם עולם מיט זײַנע „בריעף“.

דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע „בריעף“ איז שוין געווען געדרוקט; איינציגע פון זיי, דוכט אונז, ערשײַנען איצט צום ערשטען מאָל.

וועגען וואָס רעדט ניט דער ה׳ נאָרעליק אין זײַנע בריעף? — וועגען אַלין! וועגען „טעאָריע און לעבען“, „פּריהײַטס־בעוועגונג און ציוניזם“, „קלאַס און נאַציע“, אונזער יוגענד און איהר „סקעפּטיציזם“ און אַז. וו. א. אַז. וו. און מען בעדאַרף וויסען, אַז בײַם ה. נאָרעליק ווערט אַלין „דיקטירט דורך די געפיהלען“.

פון זײַן פיהלען האַלט ער, דער ה׳ נאָרעליק, הרים וגבעות. „פאַר וואָס פיהל איך“? — דאָס איז זײַן שטאַרקסטער אַרגומענט. דערפאַר פון טעאָריע האַלט ער גאָרנישט, טעאָריע האָט ער פײַנד. נאָך טעאָריעס, נאָך וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען שיקט ער אָב צום „נײַעם וועג“, צו ה׳ ש. ניגער. „בײַ מיר — בעט ער זײַן פרײַנד — זאָלסטו קיין וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען ניט זוכען“.

מלא רציחה איז ה׳ נאָרעליק אויף די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטײַען — זיי אַלע האָבען שטענדיג זיך נאָר גע׳הקרנ׳ט, געפיהלט אָבער האָבען זיי קיינמאָל גאָרנישט: ער האַלט גאָר ניט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער יוגענד, ווײַל איהר איז, נאָך זײַן מיינונג, פרעמד דאָס געפיהל פון גריבלען, פון בענקען, פון לײַדען... אַ דאַנק דיזער טריקענער יוגענד איז ער זאָגאַר געצוואונגען געווען צו געהן אויף מסירת נפש: זאָגען: „אַריע בײַראָן, געטהע, שילער און לאָנגפעלאָ.

ער, דער ה׳ נאָרעליק, איז דורכאויס בענקשאַפט, דורכאויס געפיהל. פאַקטען בעווײַנט ער, מעשיות דערצעהלט ער מיט טרעהרען אויף די אויגען. אַך! — איז דער שטענדיגער אָנהויב און סוף פון אַלע זײַנע שילדערונגען. ער פיהלט און בענקט, בענקט און לײַדעט — ער איז דורכאויס טראַגיש...

איין בײַשפּיעל פון טיעפסטעס פיהלען, פון שמערצליכער אירָאָניע. אַ ווענדונג צו קאַרל מאַרקס:

„גרויסער קאַרל! דו, וועלכער האָסט געהאַט אַזוינע טיעפע אויגען, וואָס האָבען געקאָנט קוקען ווײַט, דו, וועלכער האָסט געקאָנט פּינקטליך אויסרעכענען ווען, אין וועלכער שעה וועט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט געהן עסען מיטאָג און וואָס פאַר אַ פּודינג וועט מען זיי געבען, אַלס לעצטע שפּײַז. גרויסער קאַרל! דו, וועלכער האָט געקענט אַזוי רילטיג וועגען אין מעסטען,

זאָג, פאַרוואָס האָסטו ניט דערזעהן, אַז ס'איז מעגליך אַ נייע פאָרם פון קאַפּיטאַל-אונטער-גאַנג דורך פּאָגראָמען, דורך פּאָגראָמען?"

צוגעהט, קעידאַנער און סמיאַטיצער!

„עפּעס אַנ'איינגעאַרטיגע אידישע „מאַגילאָווישצינאַ", אַ מינאָרניקע, אַ טרערעוודיגע; שפּינוועבסדיגע געפּיהלכלעך — פּיטטינקע, פלאַכינקע; אַ קליינצינקע בענקשאַפט — אַזאַ גלאַטינקע, ראָזינקע; ברעקלעך געדאַנקען — אַלטע, פערשימעלטע, בילינקינגע — דאָס איז דער אינהאַלט פון ביכעל. איינגעהילט איז עס אַליץ אין אַ ליריזם, אָבער אַ בעזונדערען, ניט קיין זאַפטיגען, נאָר עפּעס טרערעוודיגען, שיטערען . . .

אַלס בעזונדערע אַרטיקלען, אין פאָרם פון בריעף, אין אַ פעריאָדישער אויסגאַבע, האָט עס נאָך אפשר געהאַט אַ געוויסען ווערט, נו, אַ ליטעראַרישען, זאָגען מיר. אַלס בראָשור אָבער האָט עס קיין ווערט ניט, ווייל קיין ליטעראַטור איז עס דאָך ניט. אין גאַנצען ביכעל איז ניט פאַרהאַן קיין שילדערונג, וואָס זאָל מאַכען אַ רושם, — דאָ וועלען אייך ניט פערבלענדען קיין בליצען-פערגלייכען, ניט בעצויבערען קיין בעזונדערס געלונגענע בילדער. אַ סך בלימכלעך, אָבער קיין איינציגע הערליכע בלום, ניט קיין מאָוס'ע שטעלען, אָבער קיין איינציגע שענע שטעלע. אפשר ליטעראַריש, אָבער קיין ליטעראַטור.

ווער זשע דאַרף עס? פאַר וועמען איז עס?

און אַז מען טראָגט עס נאָך אינטער מיט פערשידענע פּרעטענזיעס, דאַרף מען לאַכען, ווייל ס'איז לעכערליך.

וו.

8878

אדרעס:
**Издательство „ДИ ШТРАЛЕНЪ“.**
Вильна.
Б. Погулянка (Репнинская),
д. Піотровскихъ. **Ш. Феферману.**